212

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

גומער 11 (העפט 338) צוואַנציקסטער יאָרגאַנג נאָוועמבער 1959 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט

אויף אָפענער וויטשעפּל־גאַס (ימים־נוראים־נאָכקלאַנגען), סער זשייקאָב עפּשטיין, אויף יעקב עפשטיינס ארון (נאָכקלאַנגען) ..... ** 1
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (דער ערשטע קולטור קאַמף אין דער יידישער געשיכטע) ..... י. ריכטיגער 8
קייסער הענרי דער אַכטער (מיניאַטור) ..... ש. טענענבוים 11
על נהר טעמזע (פּאָעמע) ..... א. נ. שטענצל 12
אויף חרובע וועגן (קאַפּיטל צוויי) ..... משה דאָמב 21
Buns Norsom (ערשטער פראַגמענט) ..... ט. ס. עליאָט 24
נאָטיצן פון אַ לייענער ..... מ. אַלמאַן 25
חצות (ליד) ..... ש. זאַלקין 27
ביכער אויף מיין טיש ..... ש. דאָרפזאָן 27
אַרבעטער־רינג 50 יאָריקער יובל ..... מ. מינדעל 30
אברהם בוימערדער, ע"ה (נעקראָלאָג) ..... אייזיק גאָלדבערג 31
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ..... 32
יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ..... 32
אַדענהאוער'ס ראַדיאָ־טעלעגראַמע פון לאָנדאָן ..... **

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## לשנה טובה ווונשן (המשך)

אברהם בערמאַן און זון דוד ווינטשן אלע זייערע גוטע פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

לשנה טובה תכתבו! די בעסטע ברכות צום נייעם יאר מיין ברודער אהרן, שוועגערינס, פלימעניקס און פלימעניצעס אין בריסל, תל־אביב, טאראנטא, זייערע פרויען און קינדער. די קאלעגן און „פריינט פון יידיש לשון", דער יידישן זשורנאליסטן און ליטעראטן־פאריין אין לאנדאן; די ה"ה רעדאקטארן און מיטאַרבעטער פון די יידישע צייטונגען אין תל־אביב, ניו־יארק, ארגענטינע, בראזיל, יאהאנעסבורג, פאריז און לאנדאן. — ש. י. הארענדארף און פרוי

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשען דעם כלל ישראל אַ שנה טובה.

איך ווינטש מיינע ברודער און פריינט אין לאנדאן, מיינע געשוויסטער אין ניו יארק, מיין משפחה און פריינט אין אמסטערדאם און אין ישראל א כתיבה וחתימה טובה — י. מאנדעלבוים און פרוי.

מרס. זוסמאַן ווינטש אַ גוט יאָר אירע קינדער, קרובים און פריינט.

סעמועל, 27 ניוראָד „סעקאָנט קלאָטה שאָפּ" ווינטש אַלע זיינע פריינט אַ גוט יאָר.

דער קאָמיטעט פון פריינט פון יידיש לשון ווינשט אַלע זייערע מיטגלידער און אַלע יידן בכל מקום שהם, אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ שנת שלום איבער דער גאַנצער וועלט.

פ ר י י נ ט פ ו ן י י ד י ש ל ש ו ן

ג ר א נ ד י ע ז ע ר

שמחת תורה באל

(טאַנץ און געשמאַקער צובייסן)

אין דער אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1

זונטיק, 25־טן אקטאבער

איינטריט 5 שילינג 6 פעניס אָנפאַנג: 7.30

מיר ווינטשן אַ רפואה שלימה אונזער פריינט **שלמה לעמעל** וואָס געפינט זיך אין שפּיטאָל.
פריינט פון יידיש לשון

**חבר מייקל** פון די פרייע אַרבעטער שטימע־גרופּע געפינט זיך אין שפּיטאָל, מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה.
„לשון און לעבן"

מיר ווינטשן פריינט גארפונקל, וועלכער געפינט זיך אין שפּיטאָל, אַ רפואה שלימה.
פריינט פון יידיש לשון

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**

**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1

די אויסשטעלונג פון מאַרק שאַגאַל אין דער אַהאַנאַ גאַלעריע, די אילוסטראַציעס צום תנ״ך, רופן אַרויס גרויס אויפזען אין קינסטלערישע קרייזן און אין דער ענגלישע פּרעסע.

• • •

קומענד׳קער טעג עפנט זיך אַן אויסשטעלונג פון יעקב עפּשטיינס בראָנזענע פיגורן אין בן־אורי.

• • •

די אויסשטעלונג פון דעם „חסיד־מאָלער״ ליבערמאַן אין בן־אורי האָט געעפנט אלעקסאַנדער מרגליות.

איבער שפּילן פון מאיר צעלניקער אין ענגל׳שן טעאַטער, רופט זיך זייער גוט אָפּ די ענגלישע פּרעסע.

• • •

פרוי פילס אַלוואַ, די פרוי פון אַלוואַ ליגט קראַנק אין שפּיטאָל, נאָך אַשווערער אָפּעראַציע. מיר ווינטשן איר אַ רפואה שלימה.

• • •

מאַנפרעד אַלוואַ, דער זון פונם באַרימטן מאָלער אַלוואַ, האָט חתונה געהאַט. אַ האַרציקן מזל טוב און פיל נחת דער גאַנצער משפּחה.

• • •

## אדענהאוערס ראדיא-טעלעגראמע פון לאנדאן

נאָך מיין פיינעם קבלת פנים אין לאָנדאָן,
וועט איר תיכף באַשטעלן אין ישראל נאָך כלי זיין;
ס׳מוז האָבן געווער, אַ ברודער־הבל דערצו, —
וועם און מיט וואָס צו הרגענען — ברודער קין.

„דויטשלאַנד איבער אַלעס״! מיינע יהודימלעך,
ווי זיי האָבן עס געליווערטביידע אַמאָל,
דעם קרבן און די האַק, זייער קין־ברודער,
טון זיי עס ווידער אַצינד — אין לאַנד פון ישראל.

יאָ, איך וועל זיי ווייזן, די שטייפע ענגלענדער,
אַן „אייזערנעם״ קאַנצלער, אַ דייטש, ווי מען נעמט אויף!
למען־השם, וואָס גרעסער די געווער־באַשטעלונג,
און מיין נסיעה קיין ישראל, תיכף דערויף.

---

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

---

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**
**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 11 (העפט 338) צוואַנציקסטער יאָרגאַנג נאָוועמבער 1959 לאָנדאָן

## אויף אָפענער ווייטשעפּל־גאַס

(ימים־נוראים־נאָכקלאַנגען)

### א

עס איז געווען ממש רירנדיק צו זען ווי די ברייטע, רחבותדיק־אָפענע ווייטשעפּל־גאַס איז געווען אָפּגעליידיקט און אויסגעזען יום־טובדיק צוגעקערט דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, וואָס איז גראָד אויסגעפאַלן הייאָר אינם מאַרק־טאָג; אינם טאָג פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר קאָכט עס, האָוועט עס, און היינט קיין איין ידיש טישל, קיין איין „בערע״ און „סטראַגאַן״ בלע״ז. דאָ און דאָרט אַן אַראַבישער „סוחר״ מיט קאָלירטע שניפּסן, אַן אינדיער אין טורבאַן מיט פאַרפיומען, דאָס בלומען־מיידל מיט קווייטן; אָבער אויך ביי די טישלעך האָט מען קונים נישט געזען. אין גם אחד — ווי אָפּגעשמועסט! דער ווייטשעפּלער נישט־ייִד, דער קאָנסומענט, אפילו, האָט נישט געוואָלט מחלל יום־טוב זיין, צעשטערן דעם מנוחת־הנפש פונם יידישן ניי־יאָר.

ווייטשעפּל, דער יידישלעכער קלאַנג פון דעם וואָרט, איז אפנים מתחייב צו עפּעס; די ברייטע רחבותדיקע פאַטשענע דאָ, אַן אויסגעטראָטענע פון דורות יידן, האָט איר טראַדיציע — „שבתה הארץ״!

אמת, נישט מער געווען דאָס אַמאָליקע, היימישע געגיי אין שול אַריין; ווי פון איבערגייענדיקע, פולע זעק מיט וועלשענע ניס, מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, האָט עס זיך געשיט דאָ אַמאָל פון געסלעך; נישטאָ מער דאָס פריילעכע שפּאַצירן בשעתן „אויסנעמען״; דער רויש פון די יום־טובדיק געקליידטע מחנה יונגוואַרג האָט פאַרקלונגען די גאַס, באַשמעקט מיט איר אייגנטימלעכן ריח — אָבער ווייטשעפּל בלייבט דאָך ווייטשעפּל; דאָס וואָרט אַליין ווירקט שם־המפורשדיק — דער קלאַנג דער יידישלעכער אַקצענט איז געבליבן קאָנצענטרירט אין זיך — געגרונטפעסטיקט.

און עס מוז געזאָגט ווערן אויך לשבח — צו אַלע אונזערע פילע טענות לגנאי — פון דער לאָנדאָנער קהלה, צו די אָנפירער פון דער „באָארד אָוו דעפּיוטיס״, אַזוי צו זאָגן, וואָס אין דער שפּיץ שטייען יהודים, רייכע, נאַציאָנאַלע יידן, וואָס זייערע פיס באַטרעטן שוין נישט די ווייטשעפּלער ערד — „דאָס געטאָ״! — סוחרים, פינאַנסיסטן, וואָס זייערע אָפיסעס האָבן זיי אין דער „סיטי״ און זייערע דעפּאַרטאַמענטן אין די פאָר־ערטער פון לאָנדאָן; אָבער דאָך זענען זיי זיך אפנים גוט באַוואוסט, אַז זייער שורש איז אַלץ נאָך ווייטשעפּל און לכבוד ראש־השנה, לכבוד דעם גרויסן טאָג, „היום הרת עולם״, קומט דער טשיף ראַביי, ווי דער שליח פונם ענגליש־יידישן דעת־הקהל, דאַווענען, דייקע, אין אַ קליין ווייטשעפּלער שולעכל, אַ מין „שטיבל״ אין פּאַרטער, אין אַדלער סטריט, וואָס טראָגט אָבער פאָרט דעם נאָמען „דהי גרעט סינאַגאָג״ — „התורה חוזרת על אכסניה שלה״.

### ב

אַנדערש איז געווען די „לעין", וואָס איר מאַרק־טאָג איז אויסגעפאַלן דעם צווייטן טאָג ראש־השנה; אפנים די באַרימטע „פעטיקאָט לעין" איז אויך צו עפּעס מתחייב.... עס האָט חלילה נישט יידישלעך געקאָכט, ווי אַלע זונטיקס פון אַ גאַנץ יאָר — אָבער ס'איז געווען ליהודים!

פאַרנאַכט צו, אויף אַ ריק־שפּאַציר פון אָלדגעיט צוריק אַרויף קיין ווייטשעפל, אויף דער זייט צו דער „לעין" צו, האָב איך דערזעען ד"ר ישראל ברוידע, דעם טשיף ראַביי; ער איז מסתם געגאַנגען פונם האָטעל (ווייטשעפל פאַרמאָגט שוין אפילו אַזוינס נישט!), פון דער אכסניה, וואו ער האָט געוואוינט איבער יום־טוב, אין דער „גרעט סינאַגאָג" אַריין צו מנחה. דער ערשטער געדאַנק איז געווען צוצוגיין גוט־יום־טוב ביטן און ווינטשן דעם טראַדיציאָנעלן לשנה טובה, אָבער דערזעענדיק זיין מתינותדיקן גאַנג, זיינע פאַרטראַכטע פּסיעות־קטנות, און איך האָט נישט געוואָלט איבעררייסן זיינע רעיונות — —

עס איז זונטיק פאַרנאַכט אין אָלדגעיט, די טומלדיקע „לעין" וואַרפט שוין נישט אירע שווערע סמבטיון־שטיינער, דאָס גערודער איז איינגעשטילט, אָבער די רוישיקע שקיעה־שעה איז גאַנץ ווייט דאָ פון אַ „תשליך"־שטימונג.

ערגעץ־וואו איז געראַנגל פון אויסגייענדיקן טאָג, די זון צעשפּילט זיך מיט אירע וואונדערלעכע פאַרבן, אָבער אויך אין דער ענגער, פאַרמויערטער שטאָט, פאַלט אַ שטראַל נאָך אין טונקלסטן ווינקל און דער מענטש דערפילט אים אין ראַנגלענדיקער רגע. —

ער איז געגאַנגען, ד"ר ברוידע, שטיל, פּאַמעלעך, איינגעהאַלטן, מיט אַן ענגליש־דינעם שמייכל אויף די ליפּן; יידישלעך, נישט־אויפפאַלנדיק, אַ בליק געוואָרפן אין דער זייט, אין דער אַנדערער זייט. מען האָט לייכט געקענט זעען דאָס באַהערשן זיך, אַז זיין בליק זאָל נישט טרויעריק ווערן — ס'איז דאָך פאָרט יום־טוב: „ושמחת בחגיך".

כ'האָב גרויס הנאה געהאַט זעענדיק אַז לאָנדאָן האָט אַ טשיף ראַביי, וועלכער האָט ליב זיינע ווייטשעפּעלער געסלעך. קאָן דען עפּעס ווייטון, אַז מ'האָט עס נישט ליב?... איז ער דאָך דערצויגן געוואָרן דאָ און גרויס געוואָרן דאָ — עס איז דאָך זיין לייבלעכע היים! און אין קאָפּ האָט זיך מיר אַזוי היימיש־פריילעך, יום־טובדיק שטיפעריש, פאַראַפראַזירט אַן אַלט פאָלקסלידל: אין דער זייט וואָכעדיק, אין דער זייט וואָכעדיק, און אין מיטן גייט דער רבי אַ שבתדיקער.

### ג

יום־כפור צו נעילה בין איך צוגעגאַנגען צו דער „גרעט סינאַגאָג", און געוואָלט אַריינגיין — מ'איז דאָך אויך עפּעס אַ שטיקל ייד נאָך! נאָר צוקומענדיק צו דער טיר און הערנדיק דאָס קינצלעך־אומנאַטירלעכע קול פון אַן אַמאָליקן שטעטלדיקן ישיבה בחור — איינעם פון די איצטיקע לאָנדאָנער דיינים — ווי ער צעברעכט דאָס ענגליש „כפּטיש יפוצץ סלע", האָט מיך אַ גרויס רחמנות אַרומגענומען צו דעם דיין, נעבעך, צו די אומשולדיקע צוהערער און, ועל כולם, צו דער ענגלישער שפּראַך פון וויליאַם שעקספּיר.

כ'האָב אָבער אויף מיר אַליין אויך גרויס רחמנות געקריגן, — מיין ניכטערער מאָגן וואָלט אַזאַ פרעדיק־געמלויצע קוים פאַרדייעט! — און כ'בין אין שול נישט אַריינגעגאַנגען.

ס'איז טאַקע „שמע בכל לשון שאתה שומע"! אָבער אין דער לעצטער נעילה־שעה, נאָך די אַלע "שמע קולנו'ס" און „על־חטא"־געקלאַפּ, פאַר דער טרערן־תפילה פון געטלעכער אוממיטלבאַרקייט, אין וועלכער ס'נויטיקט זיך



ניט קיין ווערטער־בוך זיך אַדורכצושמועסן מיט גאָט, ווען יעדער פאַלשער אַקצענט טוט אַ קראַץ אויף דער נשמה — אין דעם יידישלעך־געהייליקטן מאָמענט אַריינגיין אין אַ שול, כדי, חלילה, צו ווערן אַן „אַנטיסעמיט", איז שוין באמת גלייכער — אין דער עת־רצון שעה! — זיך אַרומצודרייען אַליין אַזוי איבערן ליידיקן ווייטשעפּל מיט אַ גאָטס רחמנות שוין איבער אונז אַלעמען.

מילא, ווען אַן אָקספאָרד־אויסשטודירטער, פאַר ענגליש געבוירענע, ערגעץ אין אַ וועסטענד־סינאַגאָגע צעמליצהט זיך, צערעמאָניאַל־טעאַטראַל, אין שעקספּיר־לשון, איז נאָך אַ האַלבע צרה — ס'איז דאָך אַ צרת־רבים איז עס אַ חצי נחמה.... אָבער אַז אין ווייטשעפּל, אין אַ שולעכל מיט יידיש־ריידנדיקע מתפללים, אַ היימישער תלמיד־חכם, וואָס האָט אויפגעגעסן זיינע טעג אין שטעטלשע ישיבות, שטעלט זיך אויף דער בימה אין דער נעילה־שעה און דעקלאַמירט עפּעס אַרויס, מיט אַ בת־קול אינטעליגענטיש אַקצענטל, פון אַ „פעיפּער"!...

כ'האָב נאָך געכאַפּט אַ בליק, אפנים, איידער כ'האָב מיך אויסגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען:

און ס'האָט אויסגעזעען ווי עמעץ וואָלט אים דעם „פעיפּער" אין דער האַנט אַריינגעשטעקט און באַפוילן: „לייען!" אָבער פון אַזאַ דעקלאַמירן וועלן די עצמות היבשות אין ווייטשעפּל שוין נישט מער צוריק לעבעדיק ווערן — —

אין דער לעצטער רגע האָט זיך מיין געביין נאָך צוגעשאַרט צו אַן אָפענער טיר פון אַ לעצט־פאַרלאָזן, אַ כמעט אויסגעליידיקט, היימיש חסידים־שטיבל, אין אַ זייטיק, פאַרוואָרפן ווייטשעפּל־געסל, און לייבהאַפטיק כ'האָב פאַרשטאַנען דעם פּזמון־פערז: „ושערי דמעות לא ננעלו!"

### ד

(אויף מכוח „אונזערע" 22 יידישע דעפּוטאַטן צום ענגלישן פּאַרלאַמענט)

...עס ווערט איינעם פינסטער פאַר די אויגן, ווען אין דער לעצטער נעילה־שעה, מען וויל קוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין: „בתפילין של הקדוש ברוך הוא מה כתיב: מי כעמך ישראל גוי אחד..." אָבער האָט מען שוין נישט געשוואַרצט דאָ ברילאַנטן אין תפילין? און פאַרשוואַרצן נישט דאָס יידישע פּנים איצט, די כל־ערליי מעכאַנאַציעס מיט געלד־ווערט־„פּעפּערס"? כאָטש נעם און שריי אַ געקוילעטער דעם לעצטן „שמע ישראל" — —

אָבער דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט: דריי פערטל פונם ענגלישן יודנטום זיינען קאָנסערוואַטיוו־ליבעראַל; די פון דער יונייטעד־און פעדערעשן־שול זיינען עס אויך מסתם דע־פאַקטאָ. (זייערע פּרעזידענטן שטעלן אויך שוין אוועק די קאַרס יום־כפור פאַר כל־נדרי אין — הינטער געסלעך...) ריכטיקע דע־יורע־יידן, — לייען יראה! — זיינען, אפנים, די אגודה פון משהס גלויבן און אַקטיוויסטן־מזרחהסטן.

די אַסימילאַציע דאָ מישט, אַזוי וואַסערדיק און מוטנע, אַזוי סענטימענטאַל געבעט־ביכלדיק, ביז עס לעזט זיך אויף אין אַן עכטע לאָנדאָנער טרערן־„פאָגע".

און ווען כ'האָב דערזען איבערן בין־השמשות־פאַרנעפּלטן, ליידיקן ווייטשעפּל לויפן, אַזוי זריזותדיק, בר־מצווהדיק, שולכל אויס שולכל איין, באַרנעט זשאַנערן, צו האַלטן די טראַדיציאָנעלע (אמאָל, ווען ווייטשעפּל איז נאָך געווען אין איר גלאָריע, פלעגט דאָס אַ רויטשילד טון...) יום־כפור־דרשות אין „פאָרענע" שולעכלעך, איז מיר אַ טונקעלער ענין אויפגעגאַנגען ווי אַ ליכט אין די אויגן — „ראה מעשה ונזכר הלכה":

ווער זיינען די 22 יידישע דעפּוטאַטן אויסגעוויילט צום ענגלישן פּאַרלאַמענט? וועמען פּאַרטרעטן זיי? האָבן מיר טאַקע דאָ אַזויפיל געהיימע יידן, אַז מיר זאָלן אין די געהיימע וואַלן באַקומען אַזא גרויסע צאָל, וואָס זיי זאָלן אונז פּאַרטעטן? „פּראָפּאָרציע“, צי פּראָצענטואַל מאַכט עס דאָך אויס מיליאָנען, קיין עין הרע! און איך האָב מיר געמאַכט (ס׳איז דאָך אין דער שטרענגער נעילה שעה!) דעם אמתן חשבון־הנפש. מיר זאָלן נישט ווידער האָבן דעם מאוסן טעות...

די דריי יידישע דעפּוטאַטן פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי פּאַרטרעטן טאַקע לעגאַל דריי פּערטל פונם ענגלישן יודנטום, וועלכע געהערן צו די קאָנסערוואַטיווע, ליבעראַלע און עט־צעטרא סינאַגאָגעס און שולן. דער פערטער דעפּוטאַט, וועלכע געהער אונז על־פּי יושר פון געהיימע וואַלן — ווייל איבער אַ האַלבן מיליאָן יידן, כן ירבו, פאַרמאָגן מיר דאָך אינם מלכות ענגלאַנד, — געפינט זיך מסתם צווישן די 19 יידישע אַרבעטער־פּאַרטיי פּאַרטרעטער.

יאָ, איינער נאָר, — ווייל בלויז איינער נאָר קומט אונז! — די איבעריקע 18 סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן זיינען לויערס, עקאָנאָמיסטן „אָרגאַנייזערס“, וואָס פּאַרטרעטן עפּענטלעך דעם ענגלישן אַרבעטער. אָנגעשטעלטע „אָפּישעלס“, פּאָליטיקער צום טייל מאַרקסיסטן־אידעאַליסטן, צום טייל אָבער אויך סתם־קאַריעריסטן, וואָס טון ערלעך זייער פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט.

די ליבעראַלע און קאָנסערוואַטיווע פּאַרטייען האָבן גענוג אייגענע לויערס, עקאָנאָמיסטן און קאַריעריסטן אין זייערע בירגערלעכע רייען, אַז זיי ברויכן שוין נישט אָנצופּאַרטרויען אינערלעכע ענינים אין הענט פון פרעמדלעכע אידעאַליסטן און פּראָסטע קאַריעריסטן, וואָס האָבן זיך איינגענעסטלט אין זייער קולטור־קרייז. אָבער ווי טאַקט־פולע דעמאָקראַטן האָבן זיי זיך געזאָגט: יידן, ווי גוט־סיטואירטע גאָלדעסגרינער־און קריקלווד־בירגער איצט, איז זייער „שטאַנד“ אַן אַנדערער, און אַז זיי האָבן דאַדורך פאַלוירן איין דעפּוטאַט ביי דער אַרבעטער־פּאַרטיי, קריגט זיי אים צוריק ביי אונז... יושר איז יושר!... פיר קומט אייך, און פיר זאָלט איר האָבן.

דאָס איז דאָס מיסטישע געהיימניס פונם אַבסאָלוטן אמת — „אמת מארץ תצמח! — וואָס באַווייזט זיך אפילו ביי די לעגאַלע מאַכענאַציעס פון געהיימע וואַלן.

אָבער ווער איז ער דער 4׳טער יידישער דעפּוטאַט, פון די 19 סאָציאַליסטישע, וואָס פּאַרטרעט אונז? עפּעס אַ מעראַן מוז ער זיין, אַ פאַרשטעלטער ל״וניק; ער האָט מורא, אפנים, מען זאָל אים נישט דערקענען. וואָרים אין דער קריטישער שעה פון דער סועץ־סיטואַציע, ווען מיר האָבן נאָך געהאַט גאַנצע 2 צווישן די 20 „לייבער“־דעפּוטאַטן, האָבן אַלע 20 געשטימט ריין סאָציאַליסטיש... און בזמן החבר בעווין איז עס אויך נישט גאַנץ אַנדערש געווען.

ה

איצט האָב איך אים דערקענט, אין דער נעילה־שעה איז ער פאַר מיר נתגלה געוואָרן. ער לויפט שולכל־איין, שולכל־אויס איבער די ליידיקע געסלעך, ווי עפּעס אַ מין געהיימער לעגאַלער שעיר־לעזאזל אָפּצוקומען זייערע „על דעת המקום“־חטאים, מיטן האַלטן זיינע וואַרעמע „על דעת הקהל“־נאַציאָנאַלע דרשות... ער דער לעצטער דער־יורע־דעפּוטאַט פון יידישן ווייטשעפּל, ווען ס׳איז נאָך געווען אַ דיסטריקט פון אַ הונדערט טויזנט יידישע בירגער מיט אַן אייגענעם דעפּוטאַט. דעמלט האָט ער פּאַרטרעטן די ליבעראַלע פּאַרטיי, איצט — די סאָציאַליסטישע; אָבער לגבי פנים איז ער איצט ווי דעמלט דער דע־פאַקטאָ פּאַרטרעטער פונם יידישן ווייטשעפּל. הערט זיך צו צו זיין קול און איר וועט עס אַרויסהערן... מיט זיינע בלאָנקנדיקע בליקן אין דער טונקעלער



ליידיקייט זוכט ער דאָ זיינע יידן; ער בענקט נאָך זיי, זיי האָבן דאָך פון אים געמאַכט דאָס וואָס ער איז; אַ וואַרעמען עמך־ייד!

וועמען ער פּאַרטרעט? אַלע יידישע פּאַרטייען! פרעג אים, דעם שניידערמייסטער, דעם שול פּרעזידענט, צו וועלכע פּאַרטיי ער האָט געהערט אין יענע גוטע צייטן פון די יום־כפור־בעלער — אָ דעמלט האָט ווייטשעפּל נאָך געפאַסט! — צו דער אַנאַרכיסטישער, אָדער צו דער בונדיש־קאָמיניסטישער? און זיין קאָמיטעט־בענקל ווו וואַקלט עס איצט? ביי דער מפא״י ביי דער מפ״ם־אחדות־עבודה? צי גאָר ביי דער מזרחי?...

גאָטעניו, ווי גרויס זיי זיינען באַוווסט זעסט דו דאָך אַליין! אָבער ווי גרויס ס׳איז זייערע קאַריערע־און כבוד־זוכעניש, אַזאַ גרויס רחמנות ס׳איז שוין אויף אונז אַלעמען.

און מיט אינזערע קולטור־אינסטיטוציעס שטייט עס דען אַ סך העכער? אויב נישט נאָך נידריקער! זיי שטייען און פאַלן, צווישן צוויי־פּיסיקע — בענקלעך.

אַזאַ ליידיקייט נעמט אַרום דאָס האַרץ, אַזאַ שקיעהדיקע שרעק פון דער לעצטער נעילה־שעה — אָ, ווי שווער ס׳איז צוקוקן דעם אמת אין די אויגן אַריין.

## סער דזשייקאָב עפּשטיין

די ידיעה, אַז דער סקולפּטאָר דזשייקאָב עפּשטיין איז געשטאָרבן און געקומען צו קבורה אויף אַ קריסטלעכן בית־הקברות, מיט אַ גלחישער צערעמאָניע, האָט געמאַכט אין יידישע אינטעלעקטועלע קרייזן אַ שווערן איינדרוק און, ליידער, איז דאָס שווערערע געווען דער צווייטער טייל פון דער ידיעה. עס איז געווען „צרות אחרונות משכיחות את הראשונות“.

אַלע האָבן זיך אָנגעקוקט נשתוממדיק: פאַרוואָס קומט עס אונז „דער פּאַטש“ אין פנים אַריין? ווי באַרימט עפּשטיין איז נישט געוואָרן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, אין וואָסער הויכע און אין קעניגלעכע קרייזן ער איז נישט אַריינגעקומען, ער איז דאָך אַלץ געווען און געבליבן אַן אייגענער, איינער פון די באַרימטע יידישע סקולפּטאָרן.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך באַטייליקט אין יידישן לעגיאָן, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט געשאַפן דאָ אין לאָנדאָן; געווען אַן אַקטיווער סאָלדאַט. און ווילאַנג איז עס ערשט ווי מ׳האָט אים נאָך געזען אויף אַ יידישהעברעאישן פאָלקסלידער קאָנצערט, איינגעאָרדנט פון „פריינט פון יידישלשון“?

איז דער גרויסער מייסטער אין געהיים גאָר אַוועק פון יידישן פאָלק, אויסגעטוישט דאָס רענדל קיינער זאָל נישט וויסן? ווי פּאַרט זיך דאָס מייסטערשאַפט מיט פּחדנות?

צומאָרגנס, נאָך דער ידיעה, דערהאַלט איך אַ בריוו פון אַ פריינט, ממש אַ וויי־געשריי פון דעם „פּאַטש“, וואָס מיר האָבן באַקומען — דער אין צער געטראָפענער פריינט, אַ נאָנטער פונם נפטר, האָט מסתם געמוזט פאַר וועמען נישט־איז אויסשרייען דעם ווייטאָק; זיך „לופט מאַכן“, ווי מען זאָגט: פון דער „הוילער הויט“ אַזאַ מין דאָפּלטער קלאַפּ: אַ ביטערער צער, און אַ מיאוסע שאַנד נאָך דערצו.

דערפאַר, אַ צוויי וואָכן שפּעטער, איז די ידיעה אין „דזשואיש קראָניקל“ אויף דער ערשטער זייט, אין פראָנט, אָנגעהויבן מיט איר דעם ערשטן קאָלום, געווען פאַר אונז אַלעמען אַ גרויסע דערלייזונג; דאָס אָפּדרוקן אַזוי פראָמינענט

איז אויך אַ געוויסער סימן, אַז אפילו די „דזשואיש קראָניקל״, וואָס נעמט אַזעלכע מיני זאַכן מער „ליבעראַל״, אַז אויך פאַר איר איז די צווייטע ידיעה געווען אַ גרויסע דערלייכטערונג.

די מיטטיילונג פון 16טן אָקטאָבער איז אומגעפער געווען: אַז דער לעצטער ווילן פון סער דזשייקאָב עפּשטיין איז ממש געווען, אַז מען זאָל אים מקבר זיין אויף אַ יידישן בית־עלמין. נאָר די האַנדלונג פון דער אלמנה האָט עס אַזוי דערפירט, אַז ס׳איז געשעען אַזוי ווי ס׳איז געשעען.

איר, ווי אַ נישט־יידישע, איז מסתם שווער געווען צו באַנעמען און פּסיכאָלאָגיש גורס צו זיין דאָס יידישע פאָלקסווערטל: „לעבן זאָל מען צווישן גוים און ליגן צווישן יידן״...

דער סענטימענטאַלער בשוגג, אָדער דער פרום־קאָמבינירטער במזיד, איז נישט דאָ אויף דעם פּלאַץ. וויכטיק איז, אַז דער גרויסער יידישער קינסטלער, דער באַרימטער סקולפּטאָר, יעקב עפּשטיין, זאָל האָבן זיין געהעריקן פּלאַץ צווישן יידן; בפרט, אַז דאָס איז געווען זיין לעצטער ווילן: „רצונו של אדם זה כבודו.״

עס מוז געזאָרגט ווערן, אַז „זיין רעכט״ זאָל געטון ווערן! און דאָס וועט אויך זיין אַ שיצן און שעצן אונזער יידישן כבוד. און אויב ס׳איז פאַראַנען אַזוינס ווי אַ חברה קדישא אין יידישן ענגלאַנד, נישט בלויז עפּעס אַ געשעפט־לעכע „בעריעל־סאָסייטי״, מוז תיכף־ומיד אָנגענומען ווערן לעגאַלע שריט מכח דעם ענין, כדי ס׳זאָל נאָך כאָטש בלייבן אינם פאָלק דאָס שטיקל דרך־ארץ פאַר זיין מאַיעסטעט דעם טויט.

און כדי עס זאָל דאָך בלייבן שלום צווישן ביידע רעליגיעס — אויך ביי דער קריסטלעכער אמונה טאָר אַזוינס מסתם נישט מעגלעך זיין, אַז אַ „רויטער דיען״ זאָל זיך דערלויבן אויף אייגענער האַנט ענדערן אַזוינס, וואָס האָט צו טון מיטן אייביקן געזעץ פון טויט און מיט לעצטן ווילן פון אַ מענטש — מיט אַזעלכע מיני באַגרעבעכצער ווערט אונטערגעגראָבן דער יסוד פון יעדער פאָלקס־רעליגיע! — אַחוץ, אַז אַלץ איז באמת שוין „אַ רויטער געלעכטער״, וואָלט דער גלייכסטער אויסוועג געווען, אַז מען זאָל דעם ארון מיטן נפטר אַריבערטראָגן קיין ישראל און דאָרט זאָל ער געפינען זיין אייביקע רו; דאָס קומען צו קבורה אין ארץ־ישראל איז דאָך דער חסד של אמת פון ביידע אמונות, דער יידישער און, להבדיל, דער קריסטלעכער; בפרט ווען סער דזשייקאָב עפּשטיין, אין זיין יוגנט, איז געווען איינער פון די גבורים צו באַפרייען דאָס הייליקע לאַנד, ווען מען האָט עס אָפּגענומען פון דער מוסול־מאַנישער, טערקישער מאַכט.

נ.ב.—דאָס ליד איז דאָ אַ מין מחילה־בעטן ביים גרויסן נפטר; אַ נ.ב. צו מיין האַמעטנער פּאָעמע „דער בראָנזענער ארון״, געדרוקט אין פאַרגאַנגענעם חודש אין „לשון און לעבן״; זאָל די סאַטירע עס אַ ביסל לייכטער מאַכן...

ביי מיין גאַנצער יידישלעך־פּאָעטישער אויפרעגונג האָב איך מיך באַמיט, אויך געהיט, גערעכט צו בלייבן דעם נפטר. אין דעם פערז:

„נישט אַסך אייביקער ווי גליצנשטיין״

איז עס גאַנץ דייטלעך אַרויסגעזאָגט, אַז ביי מיין גאַנצער אויפרעגונג און יידישן גזלן אין מיר, האָב איך נישט געוואָלט, חלילה, אָנרירן דעם געהעריקן פּלאַץ, וואָס עס קומט יעקב עפּשטיינען אין דער יידישער סקולפּטור־קונסט, כאָטש עס האָט געהייסן, אַז ער איז, חלילה, באַגאַנגען דאָס, וואָס מען האָט געמיינט.... וואָרום „מה ענין שמיטה אצל הר סיני״! „כבודו במקומו״. אָבער, ווי געזאָגט, „רצונו של אדם זה כבודו״.



## אויף יעקב עפּשטיינס ארון

אַ דלילה שמשונען די לאָקן אָפּגעשוירן,
און דיך — יעקב עפּשטיין, אונטערגעשניטן ביזן שורש;
זיי זיינען ביידע נעבעך גאָט די נשמה שולדיק,
יענע געמיינט שמשונס כוח, די — צו ווערן דיין יורש!

ווען מען באַגראָבט דיך אויף אַ יידישן בית־החיים,
וואָס, מישטיינסגעזאָגט, ווערט געווען דיינע יוזל־געצן?
אָבער איצט, אַז אַזוי סאַנט־פּאָוליש באַבלעקעצט דיין רום!
דאָס עשירות געבליבן נאָך דיר — נישט אָפּצושעצן.

ווי באַרימט די ביבלישע דלילה נישט געוואָרן,
ווילט זיך מיר דענקן, אַז די געמיינט האָט געמיינער;
וואָרים ווילאַנג שוין קאָן אַ בלינדער דרייען אַ מיל־ראָד?
אָבער ביז אין דער ערד ס׳פאַרפוילן מענטשלעכע ביינער...

מילא, מאָדעלירן, מסחר מאַכן מיט ערלים,
אָבער ליגן צווישן זיי אויף סמענטאַרזש און פוילן?
באמת, אַ סך מנוחהדיקער עס ליגט זיך אַ ייד,
אויף העכסטער באַנק אין גיהנום, אויף געברענטע קוילן.

פאַרוואָר, ס׳איז דאָ נישט פוילן, און נישט מער יענער סמענטאַרזש,
מיר נישט — די דיבוקים־דערשראָקענע חדר־קינדער:
הינטער שטעטל, אויף פּלויטן קנאַקעדיקע הויטן,
אויפגעהאָנגען צו טרוקענען פונם נבילה־שינדער — — —

דרויסן הינטער לאָנדאָן־פאַרשטעט, גויאישע בית־עלמינס,
צווישן די טויט־שטילע, די ריין־ציכטיקע אַליין,
אַ מחיה ווי ס׳ליגט זיך, נישט טויט־איבערגעשראָקן,
ווי אויף יידישע בית החיימס, פון לויה־געשרייען —

בלויז, זאָל, חלילה־וחס, זיך אַרויסכאַפּן ביי איינעם:
„דער ייד, אונזער גאַנצע ערד דאָ טוט ער דאָך פאַרשטיקן״!
און דו מוזט פאַרשווייגן, קאָנסט דאָך נישט אָפּלייקענען,
צומאָל פאַר חרפּה אין דער ערד נישט מער איינצוזינקן...

אָ, ליגט מען דעמלט אין געהאַקטע פינסטערע צרות,
מען פאַרגעסט אפילו, אַז די ווערעם איינעם פרעסן;
כאָטש נעמען און לויפן ווו די רויטע פעפערלעך וואַקסן —
דיין ווערעמדיקע אומשטערבלעכקייט ווערט דיר דערעסן...

ווו יענער גוטער מלאך מיטן שנעל הינטערן נאָז,
אלצדינג וואָס פאַרן טויט עס איז געווען צו פאַרגעסן — —
אויבן קלינגט קאָפּעלע גלעקל, און האַרץ דיינס רייסט זיך אָפּ:
„אַך הפעם״! און אַז נישט שמשון? אַ ייד פון דעסן —

אַזאַ גילגול־מחילות דורך טיפעניש דער ערד,
אַ סך שווערער ווי אַ קריסטוס פון איר אויסצוקנעטן!
און אי״ה ווען מיר וועלן זיך דאָרטן טרעפן,
וועל איך מיט גרויס הכנעה ביי דיר מחילה בעטן.

י. ריכטיגער

# יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע

(ב)

## דער ערשטער קולטור קאַמף אין דער יידישער געשיכטע

משה רבינו איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג סיני צו ברענגען די עשרת הדיברות אויסגעקריצט אין שטיינערנע טאָוולען, און אין זייערע געצעלטן האָבן די בני ישראל געוואַרט ער זאָל צוריק קומען, כדי צו פירן זיי דורך דער גרויסער מדבר אין לאַנד ווו עס פליסט מילך און האָניק. די מדבר איז געווען אַ פאָרכטיקע, פון אירע אַאַזיסן האָבן געלויערט גיפטיקע שלאַנגען און עקדיסן, און פון אירע זאַמד־בערג האָט מען געזען אַרויסשטאַרן אויסגעבלייכטע סקעלעטן פון מענטשן און בהמות, וואָס זענען געשטאָרבן פון הונגער און דאָרשט. דער איינציקער וואָס האָט געוווסט אַדורצוגיין בשלום די גרויסע מדבר איז געווען זייער מנהיג משה, מחמת ער האָט איר אומצאָליקע מאָל אַדורכגעוואַנדערט מיט דער סטאַדע שאָף פון זיין שווער יתרו.

זעענדיק אַז משה, זייער מנהיג, האָט פאַרשפעטיקט אַראָפּצוקומען פון באַרג סיני אין דער פעסטגעשטעלטער צייט, זענען די עלטסטע פון פאָלק געגאַנגען צום געצעלט פון אַלטן כהן אהרן און געזאָגט צו אים: „מאַך אונז אַן אַלמעכטיקייט, וואָס זאָל זיין אונזער וועג־ווייזער אין דער מדבר, ווייל משה, דער מענטש, וואָס האָט אונז אויפגעבראַכט פון לאַנד מצרים איז ניט דאָ און מיר ווייסן ניט וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט.“ מיר ווילן דעריבער האָבן אַז אַן אַלמעכטיקייט זאָל זיין אונזער צוקונפטיקער מנהיג, ניט אַ מענטש, ווייל אפילו אַזאַ געניטער מדבר וואַנדערער ווי אונזער מנהיג משה איז פאַרשווינדן און מען ווייס ניט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

מען מוז אָננעמען אַז די געשעענישן אין מצרים, ביים ים סוף און בשעת קבלת התורה זענען פאָרגעקומען אין אַזאַ נאַטירלעכן אופן, וואָס האָט אויף דעם רעליגיעזן באַנעם פון די בני ישראל ניט געמאַכט דעם מינדסטן רושם. משה רבינו איז געבליבן אין זייערע אויגן אַ פשוטער בשר ודם, „דער מענטש“, און די אויסלייזונג האָבן זיי צוגעשריבן צו דעם חסד פון די הייליקע בילדער וואָס זיי האָבן פאַרגעטערט אין דער מצרישער קנעכטשאַפט. אַזוי ווי קריסטן ביזן היינטיקן טאָג, האָבן דעמאָלט די געלערנטע פון די בני ישראל געהאַלטן, אַז די הייליקע בילדער סימבאָליזירן די אייגנשאַפטן פון דער געטלעכקייט, און דער המון האָט געגלויבט, אַז די הייליקע בילדער זענען אַן אמתדיקע פערזאָניפיקאַציע פון דער געטלעכקייט. אַליין וועגן דער מורא פאַר זייער מנהיג משה, וואָס האָט שטרענג פאַרבאָטן צו מאַכן אָפּבילדונגען אפילו פון צוגעשריבענע אייגנשאַפטן, האָבן זיי צייטווייליק אויפגעהערט צו דינען די הייליקע בילדער אין דער עפנטלעכקייט.

אויך דער אַלטער אהרן איז ניט צופרידן געווען מיט דעם פאַרבאָט פון



זיין ברודער משה, צו מאַכן הייליקע בילדער. דעם „לא תעשה לך פסל וכל תמונה“ האָט ער שוין אין מצרים אָפּגעהיטן, ווייל עס איז ניט מעגלעך צו מאַכן אַן אָפּבילד פון דעם אַבסטראַקטן „יהוה“. אָבער פון זיין אַלמעכטיקייט: פון זיינע אייגנשאַפטן, מיט וועלכע ער האָט באַשיצט די בני ישראל פון די שקלאַפן טרייבער, האָט ער אין מצרים געמאַכט; איז די מיינונג פון דעם אַלטן כהן אהרן געווען, אַז מען דאַרף אויך מאַכן אָפּבילדער פון די אייגנשאַפטן מיט וועלכע יהוה האט אויסגעלייזט די בני ישראל פון מצרים, כדי צו פארשטארקן די אמונה אין יהוה, דורך דעם וואס גרויס און קליין וועלן זען מיט זייערע אויגן דעם סימבאליזם פון זיינע אויסערגעוויינלעכע פעיקייטן. אין זיין אייפער צו פארשטארקן די אמונה איז דעם אלטן כהן אהרן ניט איינגעפאלן, אז די הייליקע בילדער וועלן צעברעקלען דאס פאלק אין סעקטן, און זייער רעליגיעזע קנאות וועט פירן צו בלוטיקע ברידער מלחמות, ווייל יעדע איינע פון זיי וועט וועלן ארויפצווינגען אויף די צווייטע זיינע אויסגעטראכטע סימבאלן אדער פארזאניפיקאציעס פון דער אלמעכטיקייט.

דעריבער האט דער אלטער כהן אהרן ניט פאראיבעל גענומען די עלטסטע פון פאלק ווען זיי זענען געקומען צו אים און אים געבעטן ער זאל זיי מאכן אן אלמעכטיקייט. וואס זאל זיין זייער וועג־ווייזער אין דער מדבר. זייענדיק שוין אין מצרים א קינסטלער פון געגאסענע בילדער האט ער געזאגט צו זיי: נעמט אראפ די גאלדענע אויער־רינגען פון אייערע פרויען, זין און טעכטער, און ברענגט עס צו מיר, האבן אלע אויסגעטוען זייערע גאלדענע אויער־רינגען און געבראכט צו אים. האט ער אויסגראווירט א פארעם און געגאסן פון גאלד אן „עגל מסכה“: א בילד, וואס איז געווען דער „טאטעם“ אדער דער „שוץ־מלאך“ פון זייערע אבות די וואנדערענדיקע פאסטוכער, צו זיין דעם פאלקס וועג־ווייזער אין דער מדבר. די עלטסטע האבן אויפגעשטעלט דאס בילד אין צענטער פון דער מחנה, זאגענדיק צום פאלק: „דאס זענען די כוחות פון דיין אלמעכטיקייט ישראל וואס האט דיך אויפגעבראכט פון לאנד מצרים“. און כדי די אמונה אין יהוה זאל דערמיט פארשטארקט ווערן האט דער אלטער כהן אהרן אויפגעבויעט א מזבח פאר דעם עגל און אויסגערופן — מארגן וועט זיין א יום טוב צו יהוה.

זענען אלע אויפגעשטאנען אין דער פרי צו פייערן דעם יום טוב, זיי האבן מקריב געווען קרבנות, געגעסן, געטרונקן און זיך אנגעהויבן פריילעך צו מאכן. דערווייל איז משה אראפגעקומען פון בארג סיני, אז ער האט דערזען דעם עגל מיט די טאנצענדיקע ארום אים איז ער בייז געווארן, און האט אוועק געווארפן די לוחות, זענען זיי צעבראכן געווארן אונטערן בארג. ער האט אויך פארברענט דעם עגל, און געפרעגט האט ער דעם אלטן כהן אהרן: „וואס האט דיר דאס פאלק געטוען אז דו האסט אויף אים געבראכט אזא גרויסע זינד?“. אבער דער אלטער כהן אהרן האט מורא געהאט צו זאגן, אז ער איז ניט איינשטימיק מיט דעם פארבאט צו מאכן אפבילדער פון דער אלמעכטיקייט, האט ער ארויפגעלייגט די שולד אויפן פאלק.

אהרן האט אים געענטפערט: „זיי ניט בייז אויף מיר מיין האר, דו ווייסט דאך אז דאס פאלק איז א שלעכטעס, זיי האבן געזאגט צו מיר — מאך אונז אן אלמעכטיקייט צו זיין אונזער וועג־ווייזער אין דער מדבר... האב איך זיי געפרעגט — ווער פון אייך האט גאלד? האבן זיי אויסגעטוען זייערע אויער־רינגען און געגעבן צו מיר, האב איך עס אריינגעווארפן אין פייער איז ארויסגע־גאנגען דער עגל". אהרן האט ניט דערציילט משה'ן, אז דער עגל איז א שאפונג פון אים — אז ער האט אויסגראווירט די פארעם פון עגל, נאר דער עגל איז געקומען פון הימעל — ער האט אריינגעווארפן דאס גאלד אין פייער איז ארויסגעגאנגען דער עגל. דעם פאלק האט אהרן דאס שוין פריער געהאט איינגערעדט און דערפאר, וואס משה האט פארברענט דעם מלאך פון הימעל האט אים דאס פאלק געוואלט דערהרגנען.

אז משה האט געזען דאס פאלק איז אויפגעהעצט געווארן, אהרן האט עס אויפגעהעצט קעגן אים, דעם פארניכטער פון זייער שוץ־מלאך, האט ער זיך אנידער געשטעלטביים אריינגאנג צו דער מחנה און גערופן — „מי ליהוה אלי": ווער פאר יהוה זאל קומען צו מיר, האבן זיך איינגעזאמעלט צו אים אלע קינדער פון לוי... צוויי טעג איז אנגעגאנגען די מלחמה אין דער מחנה, מען האט ניט קיין רחמנות געהאט אפילו אויף פריינד, ברידער און אייגענע זין. געפאלן זענען אין דעם ערשטן קולטור קאמף ארום דריי טויזענט פון פאלק, און זינט דעמאלט איז ניט געוועזן קיין איינציקער דור אין דער יידישער גע־שיכטע אין וועלכן עס זאל זיך ניט האבן עפעס איבערחזרט פון דעם ערשטן קולטור קאמף. (ירושלמי תענית פ"ד ה"ז).

נאך דער בלוטיקער מלחמה האט משה אויפגעשטעלט זיין געצעלט אויסער דער מחנה און ניט מער געוואלט זיין דער מנהיג פון פאלק, ווייל ספקות האבן אנגעהויבן צו עגבערן אין זיין מוח. ער האט געטראכט — אפשר דארף אויפ־געהאלטן ווערן די אלטע טראדיציע פון א שוץ־מלאך, א בילד פון די אייגנ־שאפטן צוגעשריבן צו יהוה זאל זיין זייער מנהיג? אבער אין זיינע אויערן האבן געקלינגען די ווערטער פון זיין קלארער וויזיע — „כי לא יראני האדם וחי": ניט זען קאן מיך א מענטש און בלייבן לעבן. „והיה בעבור כבודי ושמתיך בנקרת הצור": פארשטעקט אין א פעלזן־שפאלט האבן א מענטשס אויגן קוים דעם כח אויפצונעמען אן אפשיינעדיקן גלימער פון דער קינעטישער ענערגיע וועלכע איז דער סובסטאנץ פון דער חושימדיקער עקזיסטענץ, וואס די אלמעכטיקייט האט געשאפן, (שמות ל"ג) טא ווי אזוי איז מעגלעך צו מאכן אן אפבילד פון דער אלמעכטיקייט זעלבסט? ער האט דעריבער ניט געוואלט אפגענארן דאס פאלק מיט איינגערעדטע בילדער פון מלאכים אדער געטער, און באשלאסן אז די מנהיגים פון פאלק מוזן זיין מענטשן וואס זאלן עס פירן אין נאמען פון יהוה.

אבער דאס פאלק איז נאך ניט געווען דערוואקסן צו פילן זיך אין שוץ פון אן אבסטראקטן אלמעכטיקן און דינען אים מיט גוטקייט, ארנטלעכקייט און ערלעכקייט. זיי זענען געווינט געווען פון מצרים צו גלויבן אין הייליקע ביל־דער און דינען זיי מיט רייכערן קטורת און מקריב זיין קרבנות. דעריבער האט



משה באפוילן צו בויען א משכן: א סימבאלישער רו־פלאץ פאר יהוה, דאס פאלק זאל האבן א הייליקטום ווו צו דינען יהוה מיט ריטועלע צערעמאניעס. „ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים": כדי זיי זאלן ניט מער מקריב זיין זייערע קרבנות צו הייליקע בילדער. (ויקרא י"ז, ויקרא רבה פכ"ב־ה', מורה נבוכים ח"ג פל"ב) און אפשר כדי דער אלטער כהן אהרן זאל אים צוהעלפן דאס איינצופירן האט ער איבערגעגעבן צו אהרן און זיין שטאם די כהונה אויף אייביק.

אבער די באווארעניש פון משה רבינו האט ניט געהאלפן, די פרומע קנאים האבן בסוד ווייטער געדינט צו די טראדיציאנעלע בילדער די פירציק יאר פון דער מדבר וואנדערונג. (עמוס ה') דעם פראטאטיפ זאל האבן דער שבט אפרים מיט געבראכט פון מצרים און דאס איז געווען דער מאדעל פארן עגל מסכה, פארן פסל מיכה און פאר די עגלי זהב פון ירבעם בן נבט. (סנהדרין ק"ג און מפרשים) נאך דער באזעצונג פון לאנד כנען האבן די פרומע קנאים איבערגעגעבן דעם בילדער קולט פון דור צו דור אין געהיים ביזן סוף פון דער שופטים עפאכע. ווען עס איז ניט מער געווען קיין מנהיג און נאך ניט קיין מלך אויפצופאסן אויף די מענטשן זיי זאלן ניט טוען וואס זיי ווילן, האט מיכה פון שבט אפרים זיך דערלויבט עפנטלעך אויפצושטעלן א פסל ומסכה צו יהוה אין זיין טעמפעל אויפן הר אפרים. (שופטים י"ז)

מחמת קיינער האט ניט געשטערט מיכה'ן אויפצושטעלן אין דער עפנט־לעכקייט זיין פסל ומסכה, איז דער בילדער־קולט געווארן איינגעבירגערט ביי א גרויסן טייל פון פאלק און די נביאים האבן אים געכשרט. דער נביא אחיהו השילוני האט ארום הונדערט און פופציק יאר נאכן מאכן דעם פסל מיכה געגעבן זיין הסכמה צו ירבעם בן נבט אויפצושטעלן די עגלי זהב אין בית אל און אין דן. ערשט די שפעטערדיקע נביאים הושע און עמוס האבן אנגעהויבן צו זען דעם גייסטיקן חורבן, וואס דער איבערגעטריבענער אייפער צו פארשטארקן די אמונה אין יהוה, האט געבראכט אויפן פאלק. די נביאים האבן געזען אז די פעלקער ארום ארץ ישראל שארפן זייערע שווערדן אויפן פאלק ישראל, ווייל עס איז צוריסן און צעשפליטערט פון רעליגיעזער קנאות און האט דערפאר פארלוירן זיין ווידערשטאנדס־קראפט.

## ש. טענענבוים

## קייסער הענרי דער אכטער

(מיניאַטור)

ביינאכט זע איך אין א שויפענצטער פון אַנטיקן די קעניגלעכע פיגור פון הענרי דעם אַכטן... אזא מין נארישע פאַרנעמקייט און פאמפעזקייט! אזוי פיל גאלד און זייד אין זיינע לויזע מלבושים. עס איז נישט אנדערש, נאר קייסער הענרי דער אכטער שפילט קייסער הענרי דעם אַכטן... ער ווייסט אז ער איז א שעקספיריש שפיל... פלוצלינג כאפ איך זיך פאַרן האלדז... מיר טאָן ווייי דעם הענקערס שניטן אין די צאַרטע העלדזער פון זיינע טרויעריקע קעניגינס...

א. נ. שטענצל

## צום בוך „ווייטשעפל“

### על נהר טעמזע

„כל הנחלים הולכים אל הים“ — —
ס׳איז די טעמזע — דער לעצטער מסתם!
ווי געוואַלטיק ברייט, וואָסער פאַרגלייך.

ביים היימישן שטעטלדיקן טייך,
אַ וואַסער־מיל אויפגעשטעלט מען האָט,
דאָ ביי דער טעמזע — לאָנדאָן די שטאָט!

זע, אויף טויזנט רעדער דרייט זי זיך,
ווי טומלדיק־פלינק, ווי רעשיק גיך,
און די מיל־שטיינער ווי גרויס, ווי שווער.

הער, דאָס זשאַרנע געשיט אָנאויפהער — —
פונם זעמל־מעל וואָס קומט אַרויס,
קוים אַ האַנט־פול אָנגעגאָרשט דאָ בלויז.

1

אַ שפרונג־ברעט צו די יהודה־בערג צוריק,
איבערן אָצעאַן צו די אַנדן אַריבער,
איז ער, דער אינזל דאָ, געווען פאַר אונז,
און מיר, דאָס רעשטל, וואָס בלייבן ס׳וועט דאָך איבער —

אַ מנין יידן דאָ אַ מזומן דאָרט,
עפעס אַ שולכל ווו מיט אַ שליח־ציבור —
די אייער־שאָל פון אויסגעפיקטע פייגל,
וואָס געפלויגן בשלום די ימים אַריבער.

מען וועט זיך דערציילן מעשיות פון אַמאָל:
להבדיל, אַ ביבלישן שמשון הגיבור,
עפעס אַ לאָרד ביקנספילד דיזראַעלי;
פון זאַנגוויל אַ בוך ס׳וועט איבערבלייבן; אַ חיבור

פונם בעל־נפש יוסף חיים ברענער,
פון זיין אייגן לעבן געווען ס׳איז אים ליבער!
אויפגעשריבן עס מרה־שחוריק אַזוי,
ווי געהערט פון נעפל אַרויס מפי־הדיבור.



דער זכר פון אונז דאָ, על נהר טעמזע,
אַ טאָפּלטער ווי דער ביי דער עבראָ און טיבער:
פון ריין און ווייסל, פון דניעפּער ביז וואָלגאַ,
פון הונדערט טייכן גראַטעוועט זיך אַריבער —

אַ געבונדענע טראַטווע אָנגעשווימען,
צאָרן־צעצאַפּלטע, צעפלאָפּלטע אין פיבער,
צאַנקנדיק אויסצוזינגען נעפל־ליד דאָ,
אין די טריב־פאַרזשאַווערטע, ווילגאָטש־נאַסע שטיבער.

פון אַ שווערער נעפל־נאַכט אין ווייטשעפל,
וואָס קאָן שוין זיין מרה־שחורהקער און טריבער?
בלויז, אויב ס׳האַרץ אַן איבער־פלייץ פון געזאַנג איז,
ברויזט עס צעכוואַלעט, און פון נחת־פרייד ס׳פליסט איבער.

2

פון טויזנט און איין שטעטל זיינען מיר אָנגעקומען,
מיט הונדערט טייכן כוואַליק געוואַקל אָנגעשווימען;
לאָדזשער באַלוט, קאָזמירער מאַרק, טאָלטשאָק אַדעסער,
ווי מאַטראָזן טעטואירטע — מיט פאָגראָם־מעסער.

קיעווער סטודענט, ישיבה־בחור וואָלאָזשינער,
קאַמיוואָיאַזשאָר אויף גאַנצער ליניע וואַרשע־ווינער,
לובאַוויטשער טיש־זיצער, סלאָבאָטקער טעג־עסער,
פון קאַזאַרמעס, תפיסות — פאַרטיי־ביכלעך די פעסער.

„אַ דאַמף־שיף האָסט אויסגעקלערט און נעמסט דיך דערמיט איבער“!
אַז אונזער איינס אַהער דאָ נאָך געקומען אַריבער,
ווי גרויס איז די חכמה, און דאָס וווּנדער נאָך גרעסער —
ווי אַלע שבעה ימים ברויזט ס׳לאַמאַנש געוועסער — — —

שבעה מדורי גיהנום דאָ אַדורכגעגאַנגען,
און אין די נעפלען אויפגעלויכט מיט גלי־געזאַנגען,
צו לויטערן ווי אַלטן וויין אין נייע פעסער,
לעצטן שווייס־טראָפּ נאָך פון אַ פאַרמאַטערטן פרעסער.

א. „דרי מעלה דרי מטה“...

בעסער מסתם מיט דער דירה צובאַקענען זיך קודם:
שטיגן אַזויפיל צו אַ לעצטן גאָרן אויף אַ בוידעם,
בלויז דאָס ווילגאָטש גליטשיקע — אין קעלער־לאָך לעצט טרעפּל;
בייג דיך, ביטע, אַ קאָפּ איין, אַז נישט צעקלאַפּסט דיר ס׳קעפּל.

אויב בוידעם, אויב קעלער, אַן אונטערשיד ווו מיר זענען ?
אַז ביי טאָג ביינאַכט קאָפּטשעדיק גאַז־פּלעמל מוז ברענען.
זיכער ווו אַ בעט, אַ ווייב ביים פאַרעדיקן טעפּל,
אַ זון ביי דער מאַשין, אַ טאָכטער נייט אָן אַ קנעפּל —

זעסט צומאָל נישט דעם, איבערן צושנייד־טיש געבויגן,
ווי מיטן פּיצל קריידל ער נעמט זיך אַרויס די אויגן,
בלויז ס׳ווייסלעכע פון קריידל, ס׳אינטערשטע פון אויג־לעפּל,
און פון פּאַסטריגע געשלעפּט אַהין, אַהער אַ שלעפּל —

ווי פלינק זיי אַרבעטן די פינגער, די דינע, דאַרע !
נישט פון פּרעסל — פון זיין שווייס פול איז די שטוב מיט פּאַרע !
און אויב מיט טויזנט שטובן אַזעלכע פול ווייטשעפּל,
אַ וואונדער, אַז גאַנצע שטאָט נעמט אַרום אַזאַ נעפּל.

ב.

אָנצוטאַפּן מיט די הענט אַ נעפּל, אַ געדיכטער,
ווי דורך שווערע וואָלקנס רייסן זיך סיגנאַלן ליכטער ;
מיט טויזנט פיס שפּאַנט אין דער גאַס אַ שאָטן־גיגאַנט —
אַ בלינדער וואָס דערטאַפּט זיך ביי אַ גליטשיקער וואַנט.

ווי אין אַ טאַנץ־זאַל אין „וואָרק־שאָפּ״ אַריינגעפאַלן !
הילכערס שאַלן די ווענט, סופיט — ניאָן־שטראַלן קוואַלן,
טויזנט קליידלעך כוואַליען צעפּאָכעט — אַ שטיק געוואַנט,
אַ קאָלירן מינועט אויף לויפנדיקן באַנד — —

די „קאַטערס״, די מאַשינערס — די „בעסטערס״ כאַפּן אונטער !
עלעגאַנטער „פאָרמאַן״ — טאַנץ־מייסטער, שלאַנקער געזונטער,
„האַרי־אַפּ, האַרי אַפּ״ ! האָפּט ער אַריין נאָכאַנאַנד :
„אויף די האָלידעי סעזאָן־מאָדלס וואַרט ניוזעלאַנד״ !

ווינטער, פרילינג ? ווער ווייסט דאָ איצט וואָס ס׳טוט זיך דרויסן ?
בלויז אין פּריפּעטשיק, אין טאָפּ, פאַרנדיקן גרויסן,
ביי דער פּרעס־מאַשין, נעפּלדיק, ווער זיך נאָך דערמאַנט ;
ער שמעקט, שמייכלט : אַ מאכל, אַזוי היימיש־באַקאַנט — —

## נעפּל־סאָנעטן

ס׳שאָקלען זיך די בריקן פאַנען דעמפּנדיקער וויי־רויך,
פון די כוואַליעס דאָס געפּרעפּל, הייליק, געהיים און שטיל ;
ס׳וואַקלט דאָרט די שיף — ס׳קעסטעלע מיט משה׳ן אויפן ניל,
צוקאָפּנס דער אָבעליסק, ווי שוואַרץ ער שטייט, שלאַנק און הויך.



צי גאָר צו דערציילן עס מיט ווערטער ערשט נאָך מען ברויך :
טרעמפּ אויף באַנק, ווי אין אַ טלית אין אַ נעפּל געהיל,
דער נביא יחזקאל אויפן טייך כבר ? דעם ריח כ׳דערפיל,
פון טראַטוואַ דאָ ווו — תיבה אויסגעפּעכט פון זיידן נח.

און אַרום שטאָט דרייט וואונדערלעכער קאַליידאָסקאָפּ,
אַ צעמישטע ליכטיקייט פון גאַסן און פון סקווערן,
פון הימל אַראָפּ לייכטן שוי־פענסטער און לאמטערן.

אַ פיבער־צעצינדענער, א שטערן־צעפלאַמטער קאָפּ,
פאַקלט צעכוואַליעטער אַלץ וואונדערלעכער און ווילדער —
אויף אַ לייוונט ווו וויקלט זיך אַ בילדער געפילדער.

1

עס וועט דער אינזל־מענטש זיין אינזל לאַנד נישט פאַרראַטן,
אַ געהילטער אין נעפּלען שווימט ער איבער די ימען,
און ווען זיין מאַסט־בוים מיט די זעגלען ברעכן צוזאַמען,
זינגען די כוואַלעס נאָך דאָס געזאַנג פון די פּיראַטן.

אַהיים קומט ער פון ריאַלטאָ מיט שיילאָקס דוקאַטן,
אויף גיבראַלטאַר צינדט ער זיין שטורקאַץ אין שייטער־פלאַמען,
די ווייטסטע פעלקער צו באַצווינגען און די ווילדסטע שטאַמען,
און ס׳רייכע קאָלומבוס־לאַנד — מיט ביבלישע ציטאַטן.

זיינע מאַפּעס זיינע מעסער־צעשניטענע דלאָנעס,
זיינע קאָמפּאַסן ביי טאָג די זון, ביינאַכט — די לבנה׳ס,
עס איז דער אינזל פאַר אים — פאַר אור־מענטש די היילן ;

זיין היים — אַ רעגנבויגן וויאַדוקטן און בריקן !
ס׳לייכטן אַרום אים שטערן — פון די הערערס די בליקן,
אין נעפּל־נעכט, פּייקע אין מויל, ער נעמט דערציילן — — —

2

אַן איינגעהילטער אינם נעפּל שטיי איך אויף דער בריק,
אינמיטן כרך פעסט־צוגעדריקט צו איר האַרצן סאַמע ;
ווי געהאַלטן ציטערדיק אין אָרעמס פון אַ מאַמע,
זוך איך פאַרלוירן אין איר גליאיק געפרוירענעם בליק.

אויפגעלויכטן לויפן די באָסעס אַהין און צוריק,
דאָס געקלאַנג — פון איר ליד אַן אָפּגעריסענע גאַמע!
אַרויסגעטראָגן מיך צו ווייזן אַ ליקוי־חמה,
ווי ס׳וויגט זיך די טעמז — אין פאַרקאָפּטשעט גלאָז, פון זון אַ שטיק!

ס׳שאָקלט זיך די בריק צום טאַקט פון אַ שטילינק וויגן־ליד — —
איך קוק און קוק, ווערט אַ קינד דען אין מאַמע אָרעמס מיד?
עס שלאָפט איין אַזוי פון זיסע חלומות געטראָגן —

עס דרייט זיך וווּנדערלעך די שטאָט — די אַלאַדין־לאָמטער!
דעמלט אויף שיף דער פּיראַט געבראַכט האָט זי דאָ אַהער — —
ער דערציילט, כ׳הער די כוואַלעס יעדעס וואָרט זיינס נאָכזאָגן.

3

ווי דער ווייסער נעפּל דרויסן, אַ מחשבה אין קאָפּ,
זי וויקלט זיך, פאַרוויקלט זיך און אַלץ שווערער זי ווערט;
ס׳ציט זיך ווי אַ שפּין־געוועב, וואָס קיינמאָל נישט אויפהערט,
ערגעץ אין נעץ זיצט דער שפּין, זיין קרבן לויערט ער אָפּ;

אַזאַ גרויסער גרויער קנויל פון טיש גאָר פאַלט ער אַראָפּ,
אַ פאַרקניפּט־פאַרפּלאָנטערטער קוילערט ער זיך אויף דער ערד;
ביים קאַמין שלאָפנדיק קעצל דאָס געקייקל דערהערט,
און שוין מיט איין שפּרונג: אַ מייזל? אַ פייגעלע? גאָטס גאָב...

דרויסן ווייסער נעפּל, דרינען קנאַקעדיקער קאַמין,
אין קאָפּ — אַ וועב־שיפל פלינק געשליידערט אַהער, אַהין,
אַ שניי־באַלעם, וואָס קוילערט זיך פון דער הויך אין דער טיף.

און ווי פונם פייקעלע דאָס לעצטע רינגעלע רויך,
קייקלט זיך קלאָר אויס, אַ דינינק מחשבהלע אין מוח —
אַ פאַרוויקלט מעשהלע פון עפּעס — אַ דעטעקטיוו.

## דאס בריקל צום הייליקן היכל

1

ווי ברייט ברויך זיין אַ בריקל איבער אַ טייכל?
פון שמאָלינקע צוויי ברעטעלעך קוים בלויז.
ווערט איינס אויסגעטרעטן, אדער ס׳ווערט לויז,
בלייבט דאָס צווייטע — — אַזוי ווייט מענשלעכער שכל.



וועלכעס ס׳וועט דערפירן צום הייליקן היכל?
דאָס־אָ עס שטעלט זיך ערשט שפּעטער אַרויס,
ווען דערגאַנגען מ׳איז, די געפאַר איז אויס —
מען שטייט אויף אַנדערער זייט שוין מיט אַ שמייכל.

אַ סך מאָל דערשווימט אַ טויטער אויף לעצט ברעט,
„על שני סעיפים“, אויף ביידע מען טרעט, מען טרעט,
פון איין האָלץ־וואָרעם צענאָגט ביידע ברעכן איין —

מען כאַפּט זיך אָן אין יענעם מ׳האַלט זיך צו ביי דעם,
בלויז, וואָס שוין דער גרויסער חילוק, דעמלט, אויף וועם,
אַ מת מען שווימט אין הייליקן היכל אַריין?

א

„שני כתובים המכחישים זה את זה“

אויפן בלאַט, אויף דער שורה, אויפן וואָרט,
ש״ס אויפן קאָפּ עס קאָן לומדישער גדול;
כאַטש נעם אים אין אַ צירקוס אַריין דאָ,
וועט ער ווייזן די קונץ מיט אַ שפּיץ־נאָדל.

מיט ענגלישן ווערטער־און גזעץ־בוך,
דאָס נעמלעכע ער קאָן איצט שוין באַווייזן;
באמת, דורך לעכל פון אַ נעדעלע,
ס׳קאָן אין הימל אַריין אַן עלפאַנט שפּרייזן.

בלויז גרינגער אַ בער אויסלערנען טאַנצן,
אַ מאַלפּע ביים שפּיגל אַ שרונט פאַרקעמען,
ווי אַ „דזשואיש־קאָלעדזש־בוי“ אויף ענגליש,
אַ „תאומים“ מיט שאַרפן קאָפּ צו באַנעמען.

שרפים, אופנים, חיות הקודש — —
די פעל פון לייב פון זיך אַראָפּצושינדן,
אַז נאַטור־און גאָט־געזעץ געצווילינגט —
נישט געטין, גערויטלט, אויגן פאַרבינדן.

ב

קאָן דען אַן אויסגעשטאָפּטע פאַווע פליען,
אירע בריוועלע שליחות אויספירן?
איין רירל בלויז מען זאָל זי טון, און זי וועט —
אַלע אירע פעדערן פאַרלירן!

אַ בריוו איז דאָך נישט אַזוי ווי מען שרייבט אים,
נאָר אַזוי ווי מען וועט אים טון ליינען — —
„זאַמלט אייך צענויף אַלע, איר פאָעטן,
אונזער גאָלדענע פאַווע צו באַוויינען.

„עס איז דאָך נישט אזוי איר שיין פעדערל,
ווי איבער גאַניקל איר שיין פליען“ — —
אַ תרנגול־תרגום, כאָטש צו נעמען אים,
כפרה צושלאָגן, שונאי־ציון.

און אַז מען וועט אים אָן חלף קוילען,
וועט פון אים אַ טראָפן־בלוט דען רינען ?
פאַרוואָס מכסה זיין ? אַ געטאָ־סעלעקציע,
איינגעזאַמלט, שטערבלעך צו ענטרינען.

יוסף לעפטוויטש׳ן

ווען געשפיגלטער קריסטאָל ס׳גלאָז זאָל זיין,
פון פיינסטן געשניצטן עלנפנביין די רעם,
אַ שפיגל־בילד בלויז, אַ מראה מ׳זעט פון ווען,
אָבער נישט דאָס לייבהאַפטיקע אליין.

דאָס גאַנצע האַרץ לייגסט פאַרטיפט דערין אַריין,
פאַר אַ פרינצעסין מאַכענדיק אַ דיאַדעם,
ווי געפאַסט צום פנים, דער קאָפּ ווי באַקוועם,
בלויז אָן דעם חן, דעם פינקלדיקן שיין,

פון די קליגע אויגן פון דער פרינצעס ?
אָ, גאָט זאָל דאָך געשען דער גרויסער נס, —
דער וואונדער וואָס געשעט אין הייליקן היכל ! —

פון רעם אַרויס אַרויסציטערן כאָטש זאָל,
מיט געפינקל פון געשליפענעם קריסטאָל,
דער גסיסה־פאַרגליווערטער בת־מלכה־שמייכל.

## איבער אלע שבעה ימים

1

אַזאַ כרך צונויפשטעלן צו קענען,
דורות אויסצוהאַלטן, נישט צו צעקראַכן — —
נישט פון די קאָרטן אַרויס ס׳איז איר קעניג !
די לייבוואַך, וואָס זיין פאַלאַץ טוט באַוואַכן,
פאַר יעדער אָרעמער הייזקע שטייט זי.



צו אַלע ארבע כנפות הארץ,
אַרויסגעצויגן פון דאָ אין די שיפן,
שווערד אין איין האַנט, די „בייבל“ אין צווייטער,
און אין דער שטיל דאָס שאַרפסטע אויסגעשליפן :
אַלע הערצער צו באַזיצן — שעקספיר !

ווען כ׳זע דאָ כ׳קוק טיף אין די אויגן,
אָט די צווי וואונדער באַגרייפן צו קענען :
אַזאַ מין כרך וויאַזוי אויפגעשטעלט ?
בלויז אַ סך מער נאָך — די כוחות וואָס זענען,
פון אַ פאָלק, אַ שעקספיר ס׳האָט געבוירן ?

2

אַ פאַרטייטשטן . . . שעקספירן כ׳האָב געליינט,
און אַזוי טיף אים אויפגענומען,
אַז יעדער אַ נאָנטער דאָ מיר געווען,
ערשטן טאָג שוין אַהערגעקומען —
כ׳האָב זיי אַרויסגעליינט פון די אויגן !

און אפשר ווייל יעדן וואָס כ׳האָב געזען,
דעם תנ״ך פאַרטייטשט שוין געלעזן,
אַז איך אים, אַן אייגענער נאָנטער,
ביים ערשטן באַגעגעניש געוועזן —
ער גאָר געליינט האָט אין מיינע אויגן ? !

ווי אַהיימגעקומען אין מיין שטעטל,
כ׳בין אין שטאָט דאָ אַרומגעגאַנגען,
און אין אַ געסל, פאַר יעדער הייזקע,
מיין מאַמע, וואַרטנדיק, געשטאַנען — —
איז דאָס נישט געווען דאָס גרעסטע וואונדער ?

3

ס׳איז נישט געווען בלויז די ביבל און די שווערד,
מיט וואָס אַ האַלבע וועלט איינגענומען — —
ווי אַ ליבע מ׳זעט מיט ערשטן בליק,
פאַרשטאַנען עס, אַהער אָנגעקומען —
לייבהאַפטיק פאַר די אויגן מיר געשטאַנען :

נישט מער פלאַץ, ווי ס׳בענקל אויף וועלכן ער זיצט,
וויל ער, אַז פון טיש ס׳זאָל אים געהערן ;
נישט העכער צערעדט ער זיך, ווען ער רעדט,
ווי הערן עס זאָל, דער ווער ס׳ברויך צו הערן —
קיינמאָל שפירסט דו נישט זיין עלנבויגן !

דערפאַר אין זיין היים ס׳געפינט יעדער אַ ווינקל,
אַן אינזל צוצושווימען פאַר אַלעם — —
און ער, ווו ער קומט, אין ערגעץ קיין פרעמדער,
זיין היימיש ווינקל גאַנצער ערד־באַלעם —
כרך אַרויסגעוויקלט פון נעפל און כוואַליעס.

4

און אַ ווינקל פון שטאָט, אַ נעפל־צעפוילטן,
אַ גאַנץ שטעטל זאָל זיך קאָנען אַזוי באַזעצן!
צי קאָן מען צומאָל אַש׳ס, דאָס בולטע ווייסבערגס,
אַזוי פאַרטייטשן און מיט ווערטער איבערזעצן?
פון אַ מוטנע טייכל ס׳קוקט סמוטנע דאָ אַרויסעט.

ווען נישט מיט לייב און לעבן, מיר איבער גאָרער וועלט, —
צומאָל נאָך אין לאָנדאָן אַזאַ הפטורה ליינען! —
צי וואָלט ער, — מיט אַלע תרגום־שבעים לשונות,
מיט אַלע „בייבל״־סעקטעס, אַפּאָסטל־פעראייינען, —
דער געטלעכער וווּנדער, דער תנ״ך, דען געבליבן?

„החיים והמות ביד הלשון״ — —
מיט איין איבריק אות ס׳לעבן מען קען איבערפירן!
נישט איבערזעצער — פיראַטן איבער ימים
שעקספּיר געטון איבער גאַנצער וועלט צעפירן,
ווי דעם כרך אַהער דאָ־מיט צעכוואַליעטע נעפלען.

• • •

ווי עכט פרעמד ס׳איז אַלץ דא, אזוי נאָנט און אייגן,
עס באַהאַלט זיך אויס לויערנדיק אין נעפל,
און פלוצלינג פנים אל פנים ס׳שטייט אַנטקייגן —
דיך אָנקוקנדיק מיט אַזאַ קלאָרן שווייגן.
פרעמד אַוועק זיך צו בייגן, נאָנט צו פאַרנייגן?

אַן אַרומגערינגלטער אינזל ס׳איז דער מענטש דאָ.

נישט בלויז אין נעפלען־פאַלטן זיך צובאַהאַלטן,
זיינען אַנטרינענע דאָ אַהערגעלאָפן,
נאָר שטיל אויסצוטראָגן, געשטאַרק אויסצוהאַלטן,
שטייף־געפעסטיקט, עקשנותדיק אויסגעהאַלטן —
וואָס אין הערצער געטראָגן, גרויס צוגעשטאַלטן.

אזוי מיר, צו ברעגעס דאָ, ווייט־פאַרווייעט זאַמדל.



משה דאָמב

## אויף חרובע וועגן

(קאַפּיטל דריי)

אַ שפּילעוודיקע גוטמוטיקייט האָט באַהערשט איר אָנשטרענגונג און נודנע מידעקייט, קוקנדיק צום פענצטער האָבן זיך אירע אויגן אַמוזירט, זעענדיק ווי די אַלעאַנדערן צעשטויבן זייער אַבראַזירט פייער, דערביי איז איר גוט געווען צו טראַכטן און זיך אָנשעפּן מיט אינערלעכע צערטלעכקייט און צופרידנקייט פון לעבן. דער אַרום איז געווען אַ שטילער, שטראַלן פון דער זון האָבן זיך געשפּילט צווישן די בלומען־טעפּ אויפן פענצטער. זיצנדיק אויף איר שלאָף־סאָפע, האָט זי אָנגעלענט איר קאָפּ אויף די שלאַנקע ווייסע האַנט, שטאַר פאַרקוקט אויף איין פונקט צו די שפּילעוודיקע זון־שטראַלן, האָט אין איר עפּעס אַ ציטער געטון: אוי, ווען חיל איז איצט דאָ אין אָט דעם שטיבל.... און זי האָט געטראַכט וועגן אַלעמען. ס׳האָט איר אַרומגענומען אַ שטילע טרויעריקע בענקשאַפט, נאָך די ערטער אַוו זי האָט פאַרבראַכט איר קינדהייט. דער טייך אין זומער, ווינטער, ווען זי האָט זיך דאָרט געגליטשט, די פעלדער באַשיט מיט שניי און פליענדיקע נידריקע קורפּאַטווּעס און האָזן, וואָס פלעגן קומען נאָנט צום דאָרף; דער זומערדיקער גרינער האָריזאָנט איבער די פעלדער מיט די שמאָלע וועגן איבער די געדיכטע קערנער און ווייצן מיט די שפּילעוודיקע פאַרבענקטע פייגעלעך; דער וואַלד, קלויבן דאָרט יאַגדעס און שוואָמען, מיטן ריח פון פעך און מעך, דאָס פיש־כאַפּן מיט די טייכישע גראָזן, דאָס שניידן דאָס קרויט און קאָפּן די קאַרטאָפל מיט דעם שטאַרקן ערדישן און קאַרטאָפל ריח, דעם סאָד מיט די אָסיענדיקע אויבסטן און שמעלקע דעם סאַדאָווניק מיט זיין לאַנגן טשיפּיק און כאַראַקטעריסטישן טאַבאַק־ריח און דער הונט פיניע וואָס פלעגט היטן דעם סאָד. אַלץ איז איר געווען אַ שאָד איבער־צולאָזן, און זי פלעגט טראַכטן אַז אפשר וועט זי דאָס שוין קיינמאָל אין לעבן ניט זען....

אַזוי טראַכטנדיק איז זי פאַרשלאָפן געוואָרן אויף די סאָפע. אירע האָר זענען געוואָרן צעשויבערט און די קליידער צעקנאָדערט, וואַרפנדיק זיך כסדר אין שלאָף, ווען סע האָט זיך איר געחלומט, ווי יחיאל איטשעלס קומט אַריין אין איר שטיבל און שעפּטשעט שטיל: דינה טייערינקע, ששי... דו ביסט אַזוי שיין אין שלאָף... כ׳בענק נאָך דיר... דאָך האָב איך עפּעס מורא פאַר דיר... כ׳האָב מורא דיר צו זאָגן אַז כ׳האָב דיך ליב... אפשר צוליב דיין טאַטעשי און מאַמעשי, וואָס קוקן אויף מיר קרום... דינה, קיינער זעט אונז ניט דאָ, נעם מיך אַרום און קוש מיך... ער קושט אירע ליפּן, איר האַלז, אירע ברוסטן, אירע צעשויבערטע האָר, וואָס שמעקן ווי נאַסטורציע בלומען; איר מויל איז אָפן און זי העשעט שווער, איר פנים דערשוויצט. זי הערט ווי ער רוימט איר איין אין אויער: קום דינע מיט מיר, ס׳גאַנצע לעבן וויל איך זיין מיט דיר... לאָמיר אַנטלויפן... ווייסט, כ׳וועל דיר נאָכלויפן קיין לאָנדאָן.

דינה האָט זיך אַ דערשראָקענע אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זי האָט טיף געאָטעמט, אירע אויגן זענען געווען פאַרוויינט. זי האָט זיך פאַרשעמט אַרומגעקוקט, אויב סע זעט זי קיינער ניט און הערט ניט אירע שלאָכצן, ביז זי האָט דערהערט ווי איר מוטער רופט זי פון די קיך: דינהלע קרוין, קום אַריין עסן פרישטיק, דו פאַרגעסט אינגאַנצן אַז דו באַדאַרפסט צו פּאַקן דיינע זאַכן, האַ? מאָרגן פאַרטאָג דאַרפסט דו זיין גרייט צום קעלצער צוג, וואָס גייט קיין וואַרשע. אוי, יאָ, פאַרגעסן אין דיינע געסט וואָס קומען באַלד נאָכמיטאָג. מע דאַרף עפּעס צוגרייטן פאַר זיי, האַ?...

אַ האַלב שבתדיקע און האַלב וואָכעדיקע שטימונג, איז געווען אין חיים ריינעסעס הויז. דאָס פּיקענע ווייסע שבת טישטוך איז געווען האַלב איבערשאַרצט איבערן צעראַטע וואָכעדיקן דעמבענעם שמעקנדיקן, אַרויס־ריטש־טיש, דאָס געהאַפּטענע זיידן און קאָלירטע, חלה־דעקל איז נאָך אפילו געלעגן אויף די שבתדיקע חלה־קרישקעס, דער אַלט־מאָדישער זייגער מיט קייטן און געוואכטן און אַ סאָווע מיט שפּיציקע אויגן, איז געווען שטיל, צוליבן ניט אָנדרייען אים איבערן שבת. מע האָט ניט געהערט אפילו, דעם מעלאַנכאָליש פאַרבענקטן טיק־טאַק, פון שעפּסל מילנערס מיל, סע האָבן נאָכניט געטאָרקעט און זיך קלינגעדיק געשאָקלט, בנימן פאַכטערס בלעכענע מילך־קאַנען. די זילבערנע שבת־לייכטער זענען נאָך געשטאַנען מיט חלב, נעבן ניט גערייניקטן קיפּערנעם סאַמאָוואַר און מעשענעם מערזשער. דאָס דינסט־מיידל, ביילע, יאָסל שפּאַניעמאַכערס טאָכטער, האָט נאָך געטראָגן די פרייטאָג־צונאַכטיגע שוואַרצע שירץ, ווייל רחל די הייבאַמס האָט איר געזאָגט, אַז ביז זונטאָג פאַרנאַכט מוז מע טראָגן אַ שוואַרצע שירץ, ווייל זונטאָג פאַרנאַכט פּעקלען זיך די שדים אַוועק צום בית־עולם. די נאַפּט־ריחידיקע פאַרקאָפּטשעטע נאַפּט־מאַשינקע האָט נאָך טריב געברענט, אַוו סע האָט נאָך טרויריק פאַראיינזאַמט געזידן דער אַרדענער אַלט־מאָדישער קאַווע־טאָפּ מיטן שנאָבל ווי ביי אַ עוף. דינהען האָט דאָס אַלעס געמאַכט פאַרבענקט און אומרואיק, ווי סע וואָלט איר עפּעס געפעלט, וואָס זי אַליין ווייסט ניט אייגנטלעך וואָס דער עפּעס איז.... אירע אויגן האָבן געקוקט אויף אַלעס פאַרבענקט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן־לעפּעלעך, האָט זי זיך געקעמט אירע בלאָנדע האָר. זי איז געשטאַנען ביים שפּיגל און אפילו ניט אַריינגעקוקט אין אים. זי האָט שנעל פאַרפּודערט אירע שלאָפפלעקן אויפן פּנים, איינס־צוויי אַ שמיר געטון מיטן ליפּשטיק קרייד איבער אירע עטוואָס בלאַסלעכע קליינע ליפּן, שנעל באַגאָסן איר ביוסט מיט אָדעקאָלאָן־וואַסער, ערשט דאַמאָלט האָט זי זיך אָפּגעשפּיגלט און זיך שנעל פאַרראָכטן די ווייס געהאַפּטענע דורכזיכטיקע זומער בלוזקע. זי האָט לייכט אָפּגעאָטעמט און אַ צעפרידענע צו זיך אַ שמייכל געטון, ווי זי וואָלט ווען זאָגן: אַ פאַרגעניגן דאָס לעבן....

ווען דינה האָט אָפּגעגעסן פרישטיק, האָט זי זיך געפּאַקט אירע זאַכן און דערביי זיך געדרייט אַהין און אַהער. דאָ שנעל זיך געאיילט, דאָ זיך אויף עפּעס תמעוואַטע פאַרקוקט, ווי זי וואָלט ניט געקענט פאַרגעסן דעם פרי־



מאָרגנדיקן חלום, וועגן יחיאל איטשעלס. דערצו איז נאָך דער זונטאָגדיקער טאָג געווען זער אַ הייסער און זוניקער. יחיאל איז דער ערשטער געקומען צו דינהען אין שטוב אַריין. זי האָט אים באַגעגנט מיט: אוי, חיל, חיל, נאָך גוט ביסט דאָ.... זי האָט זיך צעשמייכלט און אירע חן־גריבלדיקע באַקן האָבן אויסגעזען ווי מע וואַרפט אַ פּיטשינקע שטיינדל אין אַ רואיקן טייך. יחיאל האָט דאָס בליק־שנעל באַמערקט און ער האָט איר געזאָגט: יוליוס צעזאַר האָט געזאָגט: „ס׳איז גלייכער צו זיין דער ערשטער אין דאָרף, איידער דער לעצטער אין רוים״ . . . זי האָט אַ באַטעמטן בליק געטון אויף אים און שנעל אַ זאָג געגעבן, מיט אַ שמייכלדיקע גרימאַסע אויפן פּנים און אַוועקדרייענדיק דערביי דעם קאָפּ, ווי ניט וועלנדיק מאַכן וויכטיק איר ענטפער: אָבער יאָ חיל, דו ביסט טאַקע איצט דער ערשטער אין דאָרף, ווייל דו ווייסט אַז איך פאָר אַוועק און דו וועסט טרעפן דאָ די מענטשן נאָך וועלכע דו בענקסט.... דו דענקסט, אַז איך ווייס ניט וואָס ביי דיר אין האַרצן טוט זיך . . . אפשר קלערסט דו, אַז ווען איך וועל אַוועקפאָרן וועט זיך אַסך ענדערן? האָסט דו אַ טעות, חיל. אוי, דו קענסט ניט קיין מענטשן, אַזוי ווי איינער איז צו זיבן איז ער צו זיבעציק.... אפילו געבילדעטע מענטשן האָבן אין זיך סם אָן אַ טראָפּיטשקע וואַסער און גייען אויף חרובע וועגן און מיט די חיהישע שלעכטקייט צעשטערן זיי זיך אַליין, ווי דער סקאָרפּיאָן אין פייער.... ההממ, זיי צעשטערן אפילו וואָס אַנדערע האָבן געבויט.... מיין ניט אַז איך זע גאָרניט און כ׳ווייס גאָרניט.... ווי האָט געזאָגט דער פּוילישער העטמאַן און פּאָעט טשאַרנעצקי: „כ׳בין ניט קיין ערד, כ׳בין קיין זאַלץ, ס׳טוט מיר וויי וואָס כ׳זע דאָס אַלץ״ . . . יאָ, יאָ, חיל, כ׳זע אַלץ, אוי, טוט דאָס מיר וויי....

יחיאל האָט טרויריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטיל געענטפערט דינהען: דו דינה, האָסט ליב אויסצודרוקן דיין ווייטאָק, ווייל ביסט אַ עמפינדלעכע געבילדעטע פרוי. צי ווייסט דו, אַז מענער פאַרליבן זיך זער זעלטן אין זער קלוגע און געבילדעטע מיידלעך.... אָפּט מאַכט עס סימפּאַטיש אַ מענטשן, ספּעציעל אַ יונג שעמעוודיק מיידל וואָס רויטלט זיך, ווען זיי מאַכן טעותן און זענען פּראָסט.... אפשר ביסט דו גערעכט, וואָס דו זעסט חרובע וועגן, אָבער וועגן דעם איז דאָ אַסך צו ריידן.... זיי האָבן געשוויגן אַ לענגערע צייט, ווי אָט דער שמועס וואָלט זיי געמאַכט זיך פאַרטראַכטן אין עפּעס וויכטיקס.

עס זענען באַלד אָנגעקומען אין דאָרף אַריין זיך צו געזעגענען מיט דינהען, מלכה שאַפּיראָ, חנטשע אייזנער, צירל שטרויך, די שוואַרץ חנעוודיקע גיטל בלאַס, דער קליינגעוווקסיקער הויז־לערער, יהושע גליק, דער באַברילטער שפּראַכן־קענער, חיימל גרונער, וואָס האָט דינהען געלערנט ענגליש און פראַנצויזיש. אגב אורחא, האָט ער בסוד זיך געליבט אין דינהען; דינה האָט געוווסט וועגן דעם. אויבערפלעכלעך האָט זי זיך געמאַכט גלייכגילטיק און געווייכט פון זיין פלירטעווען מיט איר, אָבער טיף אין איר עמפינדלעך מיידלערישן האַרץ, האָט איר דאָס דווקא הנאה געטון. זי פלעגט זיך באַרימען פאַר די

דאַרפישע יידישע מיידלעך, אַוו גרונער פלעגט לערנען זיי: אוי, מיידלעך, האָט דער גרונער ביי מיר היינט געגעסן אַ לאָקש . . . ער'ט מיך געוואָלט דווקא אַרומנעמען און קושן, האָב איך זיך פון אים אָפּגעשאָקלט מיט געלעכטער און כ'האָב אים גלייך געזאָגט: עעע . . . מער דרייסטקייט ווי באַקאַנטשאַפט . . . פון דאַמאָלסט אָן גייט ער אַרום מיט אַן אַראָפּגעלאָזטע נאָז. די מיידלעך פלעגן לאַכן און הנאה האָבן, פון אַזעלכע מינים אינטריגעלעך. דער לעצטער גאַסט, וואָס איז געקומען זיך געזעגנען מיט דינהען, איז געווען משה בעסער, דעם שטעטלדיקן דאָקטאָרס יינגסטער זון. דינה האָט אים סתם אַזוי ליב געהאַט. זי פלעגט שמייכלדיק קוקן און ווינקען צווידייטיק צו אירע חברטעס, ווען משה בעסער האָט זיך צעשמייכלט מיט זיינע שניי־ווייסע ציין און טיף שוואַרצע אויגן. זי האָט צו אים איינמאָל אַ זאָג געטון: משהלע! גאָט וועט דיר אַמאָל געבן דאָס טעלערל פון הימל . . . פאַר דיין גוטע נשמה. משה פלעגט זיך דערביי פאַררויטלען און נערוועיש פאַרקעמען מיט זיינע לאַנגע קנאַכיקע פינגער זיינע קינדיש צעוואָרפענע פעך שוואַרצע האָר און אויסגלאָצן אַ פּאָר אויגן: אַ־ז־ו־י? . . .

(המשך קומענדיקן חודש)

## ט. ס. עליאט

### BUNT NORTON

(ערשטער פראַגמענט)

קעגנוואַרט און עבר
מסתמא זיך געפינען אין עתיד,
און עתיד אנטהאלטן שוין אין עבר.
אויב אלצייט איז אייביק קעגנווערטיק
איז אלצייט גאולהלאז.
וואס וואלט געווען איז נאר א תיקו,
כסדר בלויז א מעגלעכקייט
אין א הוילער וועלט פון השערה.
וואס וואלט געווען און וואס איז געווען
מרמז זענען נאר צום זעלבן סוף, וואס איז תמיד הווה.
מכשולים הילכן אפּ אין זכרון
אויפן גאנג וואס מ'זעמיר נישט געגאנגען
צו א טיר מיר האבן קיינמאל נישט געעפנט
אין רויזן־גארטן אריין. ווערטער מיינע הילכן
אט אזוי אפּ אין דיין פארשטאנד. נאר וואס דער צוועק איז
אין אויפרודערן דעם שטויב אויף בעקן פון רויזן־בלעטער
ווייס איך נישט

אנדערע עכאס
באוואוינען אט דעם גארטן. זאלן מיר נאכפאלגן?
גיך, זאגט דער פויגל, געפין זיי, געפין זיי,



ארום דעם ראג. דורך דעם ערשטן טויער,
אין אונזער ערשטער וועלט אריין,
זאלן מיר נאכפאלגן דעם באטרוג פון פויגל? אין ערשטער וועלט אריין.
דארט געווען זיי זענען, איידל און אינו־נראהדיקע,
באוועגנדיק זיך אן דרוק, איבער טויטע בלעטער,
אין הארבסטיקער היץ, דורך וויברירנדיקער לופט,
און גערופן האט דער פויגל, אויף תשובה צו
נישט געהערטער מוזיק פארבארגענער אינם קוסטן־גארטן,
און אומגעזעענער אויגן־שטראל אין אריבער, ווייל די רויזן
געהאט האבן אנבליק פון בלומען וואס מען קוקט אויף זיי.
דארט זענען זיי געווען ווי געסט, אנגענומענע און אננעמענדיקע.
אזוי הא'מיר זיך באוועגט, און זיי, אין פארמעלן מוסטער,
לענג אויס פוסטער אלייע, אין שאכטל־קרייז אריין,
אראפּצובליקן אין אויסגעטרוקנטן סטאוו אריין.
טרוקן דער סטאוו, טרוקן די קאלכונג, ברוין באזוימט,
און אנגעפילט האט זיך דער סטאוו מיט וואסער פון זונשיין ארויס,
און לאטוס־רויז, באזאכט באזאכט,
אויבערפלאך געגלאנצט האט ווי אויס דעם הארץ פון ליכט,
און געווען זיי זענען הינטער אונז, רעפלעקטירנדיק פונם סטאוו.
פארביי איז אוואלקן, און דער סטאוו געווען איז לעער.
גיי, זאגט פויגל, ווייל בלעטער געווען זענען פול מיט קינדער,
פארבארגן געשפּאנט, איינהאלטנדיק געלעכטער.
גיי, גיי, גיי, זאגט דער פויגל: מענטשהייט
קען נישט פארטראגן קיין סך אמת —ווירקלעכקייט, רעאליטעט —.
עבר און עתיד
וואס וואלט געווען און וואס איז געווען
מרמז זענען אויף איין סוף, וואס איז אייביק הווה.

פון ענגליש: א. אלמוג

## מ. אלמאן

### נאטיצן פון א לייענער

פארדינט א שבת

אין זשורנאל „היימיש", וואס דערשיינט אין ישראל אונטער דער רע־דאקציע פון מ. גראָסמאן, איז געווען אפגעדרוקט א קליין קאפיטל פון פראנ־צויזישן בוך: „מאנדארינען", פון דער שרייבערין סימאן דע בוווואר. דאס דאזיקע קאפיטעלע האט אבער פארמאגט אין זיך גענוג עראטישן שטאף, וואס האט ארויסגערופן אינערלעכע פארשעמטקייט ביי די לייענער.

די רעדאקציע פון „היימיש" פארענטפערט זיך אין לעצטן נומער (38־39) פון סעפטעמבער ה.י. פאר אַפדרוקן דאס דערמאנטע קאפיטל. צווישן אנדערע מאטיוון ווערט אנגעגעבן דאס, וואס דאס בוך „מאנדארינען" איז דערשינען

אויך אויף עברית אין פארלאג פון מפ״ם: „ספרית הפועלים“.

עס איז נאך נישט באקאנט ווי אזוי עס האבן רעאגירט די עברית־לייענער אויף „מאנדארינען“. פון די פראטעסטן אין רעדאקציע „היימיש“ קעגן צושטעלן אזא סחורה אין א יידישן זשורנאל איז צו זען, אז עס קומט א לויב די יידיש־לייענער אין ישראל פאר זייער עטישן געשמאק.

### דלא כלעבא

מע פילט זיך טאקע היימיש לייענענדיק די באגריסונגען מיט וועלכע דער רעדאקטאר פון „היימיש“ נעמט אויף אנגעזעענע געסט, וועלכע קומען אויף באזוך קיין ישראל. אין סעפטעמבער נומער „היימיש“ האט אבער אזא יידישע באגריסונג זיך געבויגן פאר . . . העברעיש.

אט גרויסט זיך דער רעדאקטאר דערמיט, וואס דער דיכטער ש. סימכאָ־וויטש פון אָטטאווא, קאנאדע, וועלכער שרייבט יידישע לידער, איז לערער פון העברעאיש. ס׳איז טאקע שיין און וויל. ווער אבער וועט אויסלערנען די קינדער אין אָטטאווא לייענען די יידישע לידער פון ש. סימכאוויטש?

אויב דאס איז ניט גענוג, ברענגט דערביי דער רעדאקטאר אויך א ידיעה, אז דעם דיכטערס א יוגנט־חבר אין ישראל, א בונדיסט(!) „איז דא היינט א לערער פון עברית“.

ס׳וואלט געוויס געווען אונטערעסאנטער, ווען דער בונדיסט וואלט געווען לערער פון יידיש אין די ישראל שולן, אבער ביי די הערשנדע באדינגונגען איז א „נארמאלע“ דערשיינונג ווען א בונדיסט אין ישראל ארבעט אלס לערער פון העברעיש.

איר ווייסט פארוואס, רעדאקטאָזשע?

„דלא כלעבאַ, פאניע, דלא כלעבאַ“ . . .*

### דייטשע רעפיודזשיס

צוויי ארטיקלען געווידמעט די יידיש־דייטשע רעפיודזשיס אין ענגלאנד זענען געווען פארעפנטלעכט אין „דזשויש קראניקל“. דער מחבר פון די ארטיקלען האט ארויסגעברענגט אלע ליכטיקע זייטן זייערע. צום סוף אבער אנטפלעקט ער די אמתע כאראקטעריסטיק פון די רעפיודזשיס.

זיי, די רעפיודזשיס, פארנעמען נישט קיין פירנדע פאזיציעס נישט אין באארד פון דעפוטאטן; נישט אין יידישן וועלט־קאנגרעס (בריטישע סעקציע); נישט אין ענגליש־יידישער געזעלשאפט. דאקעגן זענען זיי פארפעסטיקט (!) ווי באלוינטע באאמטע אין פיל וויכטיקע קאמונאלע ארגאניזאציעס פאר ציוניס־טישער פראפאגאנדע.

א שאד בלויז, וואס דער מחבר האט נישט דערמאנט זייער „אָנפירונג“ אין די רעפיודזשי־קאמיטעטן, ע״ה, ס׳וואלט געווען נאך א „בלומל“ אין קראנץ פון זייערע „לייסטונגען“ פאר דער יידישער געזעלשאפט . . .

* פון אן אלט פויליש פאלקסליד.



## ש. זאלקין

### חצות

שטיל די נאכט, דער זייגער האט געשלאגן צוועלף,
אויף יענער זייט טייכל עס יאמערן וועלף,
און ערגאץ־וואו הייזעריק ס׳קריפּעט א וויג —
א מאמע עס בעט זיך: „נו, ליג שוין, קינד, ליג!“
אין א שטיבל עס צינדט זיך א לעמפּעלע אן,
אונטער אויוון ס׳האט זיך צעקרייעט א האן,
די גריל זי ענטפערט: „שלאף נאך, יא שלאף;
צו דער פינסטערער נאכט עס איז נאך קיין סוף!“
אן אלטינקער ייד צו חצות האט דערוואכט,
די וויינענדיקע קלאנגען עס שרעקן די נאכט.
די אוראלטע חורבות ער נעצט מיט זיין טרער,
די הימלען מיט וואלקנס פארהענגען זיך שווער
און הילן אין שווארצקייט די שלאפנדע וועלט
וואו ס׳ציטערן קלאנגען און מענטשן פון קעלט.

## ש. י. דאָרפזאָן

### ביכער אויף מיין טיש

(נאָטיצן פון אַ לייענער)

1

„מתיתיהו אחר׳ס קאַמף פאַר ציונס קרוין“, פון יוסף פרענקעל.

ס׳איז אַ געשיכטלעכער פאַקט, אַז רעליגיעז געשטימטע מענטשן (מיט ווייניקע אויסנאַמען), זענען שלעכטע פאָליטיקער, ווייל יעדע מין פּאָליטיק האָט אין זיך אַ ניצוץ פון פאַלשקייט, וואָס פּאָרט זיך נישט מיט דעם גייסטיקן מהות פון רעליגיעז געשטימטע מענטשן.

דאָס דאָ געזאָגטע האָט אַ ענגן שייכות מיט דער קאָמפּליצירטער פּערזענ־לעכקייט פון „מתיתיהו אחר“ (ד״ר נתן בירנבוים), וועלכער איז אין זיינע יונגע, סטודענטישע יאָרן געוואָרן באַפליגלט מיט דער אידייע פון שיבת־ציון — נאָך פאַר ד״ר טעאָדאָר הערצלס דערשיינען אויף דער אַרענע פון פּאָליטישן ציוניזם.

ד״ר בירנבוים איז געווען איינער פון די מיטגרינדערס פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן סטודענטן־פאַרבאַנד, „קדימה“ אין ווין, אינעם יאָר 1882, געוואָרן דער טעאָרעטיקער פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער אידיי און דער פירער פון דער יידישער סטודענטנשאַפט אין דעם אַמאָליקן עסטרייך. געווען דער רעדאַקטאָר, אַרויסגעבער (און דער געלט־געבער) פון דער יידיש־טעאָרעטישער צייטשריפט „זעלבסט־עמאַנציפּאַציע“, וואָס האָט געפּריידיקט דעם ציוניסטישן רעיון — נאָך פאַר הערצלען. מהאי־טעמא האָט ד״ר בירנבוים — דער שפּעטערדיקער „מתיתיהו אחר“ — פּרעטענדירט אויף דער „ציוניסטישער קרוין“, וואָס ד״ר הערצל האָט אָנגעטאָן אויף זיין קאָפּ.

דער אומדערמידלעכער פאָרשער פון ציוניזם, יוסף פרענקעל, דערציילט אונז דעם דאָזיקן זייער אינטערעסאַנטן ענין אין זיין ניי בוך „מתיתיהו אחר׳ס קאַמף פאַר ציונס קרוין" (דערשינען אין דייטשן לשון, פאַרלאַג „מכבי", באַזל), וואָס אַנטפלעקט עד־היום אומבאַקאַנטע, פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט נאָך ניט דערציילטע פאַקטן, וועגן דעם דאָזיקן קאַמף און גערײַנגל, אין שייכות מיט דער אייגנאַרטיקער, קאָמפּליצירטער פערזענלעכקייט פון ד״ר נתן בירנבוים, וואָס האָט אין זיין גערײַנגל און זוכעניש נאָך דער „פאַרלוירענער" ציוניסטישער קרוין, פאַרלאָזט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע; סימפּאַטיזירט אַ צייט־לאַנג מיט דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג, ביז ער האָט געפונען אַ גייסטיקן „תיקון" אַלס סעקרעטאַר אין דער „אגודה", און גלייכצייטיק געוואָרן אַ מליץ־יושר פאַר יידיש מאַמע־לשון, וואָס ער האָט אויסגענוצט אין זיין קאַמף קעגן דעם ציוניזם. . . .

דער מחבר פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן בוך, האָט אין זיין וויכטיקער אַרבעט זיך באַנוצט מיט אַ שלל פון קאָרעספּאָנדענציעס, וואָס ד״ר בירנבוים האָט יאָרן־לאַנג געפירט מיט זיינע אַמאָליקע ציוניסטישע יוגנט־חברים און פריינט, בעיקר מיט די סטודענטישע קאָלעגן פון „קדימה". פון די דאָזיקע צאָלרייכע בריוו, וועלכע יוסף פרענקל האָט יאָרן־לאַנג געזאַמלט, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז דער נשמה־גערײַנגל פון דעם שפּעטערדיקן „מתיתיהו אחר"; זיין זוכענישן און בלאָנדזשענישן צו געפינען אַ גייסטיקן תיקון פאַר זיין צעפּייניקטן אומרו.

אויב ד״ר בירנבוים האָט געפונען די גייסטיקע גענעזונג אין זיין שפּעטערדיקער פרומקייט, וואָס זאָל אים קאָמפּענזירן די „פאַרלוירענע קרוין" פון ציוניזם — איז אַ צווייטע פראַגע.

2

ד״ר נתן בירנבוים איז בכלל געווען אַ בונטאַר אין שייכות מיט יידישע וועלט־פראַגן. אָבער ער האָט אין זיינע קאַמפן און בלאָנדזשענישן נישט געפונען דאָס געזוכטע, און ער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין לעבן געוואָרן אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון דער עקסטרעם אָרטאָדאָקסישער „אגודה", און דער מיט־אָרגאַניזאַטאָר פון דער ערשטער „כנסיה גדולה" אין ווין.

ד״ר בירנבוים איז געטריבן געוואָרן פון איין עקסטרעמיזם צום אַנדערן: אָט איז ער אַ וועקער און מאָנער לטובת דעם ציוניסטישן רעיון ביי די סטודענטישע קדימה׳יאַנער; אָט ווערט ער פון דער העלער הויט אַן אפּיקורס (און דעריבער באַנוצט ער זיך מיט זיין פּסעוודאָנים „מתיתיהו אחר", ווען מען זאָל אים ניט אידענטיפיצירן מיט דעם אַמאָליקן נתן בירנבוים, און זיינע ציוניסטישע „חטאות נעורים"); אָט ווערט ער אַ פאַנאַטישער אוהב פון יידישן מאַמע־לשון, און צום סאַמע סוף ווערט ער אַ בעל־תשובה און באַהעפט זיך מיט דער עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע, אין וועלכער באַוועגונג ער האָפט צו געפינען אַ שטיקל מנוחה פאַר זיין גייסטיק צעפּייניקטן אומרו.

האָט ד״ר בירנבוים געפונען אין דער עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע די



געגאַרטע רו? האָט ער אין דער „אגודה"־באַוועגונג זיך ניט אָנגעשטויסן אין דער אומהיימלעכער „הינטער־קוליסן פּאָליטיק", ווי זי עקזיסטירט אין אַלע, אָן אויסנאָם, פּאַרטייען און באַוועגונגען, און אין דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, בתוכם? דאָס איז אַ פראַגע, אויף וועלכער דער מחבר פון דעם בוך איז נישט מחייב צו ענטפערן. ד״ר בירנבוים גופא וואָלט ניט אימשטאַנד געווען צו ענטפערן אויף דער שאלה, אויב ער האָט אין דער „אגודה" געפונען אַ גייסטיקן תיקון פאַר זיין אומרו און פּיין.

3

ד״ר בירנבוים האָט ניט פאַרשטאַנען, אָדער ניט געוואָלט תופס זיין דעם פאַקט, אַז אין יעדער דעמאָקראַטישער געזעלשאַפט ווערט דער מנהיג אויסדערווילט פון די מיטגלידער, ווי דאָס איז בפירוש געווען דער פאַל ביי ד״ר הערצל, וועלכער האָט זוכה געווען צו טראָגן די „ציוניסטישע קרוין" אויף זיין קאָפּ, ווייל די ציוניסטישע קאָנגרעסן האָבן אים אָנפאַרטרויט די דאָזיקע זכיה. און ווייל ד״ר נתן בירנבוים האָט זיך געהאַלטן פאַר מער ראוי צו טראָגן די „ציוניסטישע קרוין" אויף זיין קאָפּ, ווי ד״ר הערצל, איז צווישן זיי אַנטשטאַנען חילוקי־דעות און מיספאַרשטייענישן וואָס האָבן גורם געווען צו זייער ביידנס רוגז. ד״ר בירנבוים דערווייטערט זיך פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און ער ווערט — מעשה להכעות — איר שאַרפסטער קעגנער און טעאָרעטישער באַקעמפער.

„מתיתיהו אחר" איז שפּעטער געוואָרן אַ בעל־תשובה — אַ געצוווּנגענער אָדער פרייוויליקער — לאָזט זיך ניט פאַרענטפערן.

ס׳איז געניגט אָנצונעמען, אַז זיין שפּעטערדיקע פרומקייט איז געווען אַ פועל־יוצא פון דער שנאה, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין האַרץ אויף הערצלען און אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג—צוליב זיין פאַרלוירענעם קאַמף איבער דער „ציוניסטישער קרוין".

ד״ר נתן בירנבוים, אַ געבוירענער אין ווין (אינעם יאָר 1864—געשטאָרבן אינעם יאָר 1937), איז געווען אַן אייגנאַרטיקע פערזענלעכקייט. ער האָט — ווי שוין פריער געזאָגט — געקנעלט דעם ציוניסטישן אלף־בית מיט די יידישע סטודענטן אין דער ציוניסטישער „קדימה"־אָרגאַניזאַציע אין ווין, נאָך איידער הערצל האָט געחלומט פון ציוניזם. ער האָט פּשוט ניט פאַרגינען דעם יוגנן הערצלס אויפשטייג, און דאָס איז געווען די עיקר סיבה, הלמאי נתן בירנבוים האָט אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען און צו זוכן דעם „אמת", וואָס זאָל היילן זיין אומרו און פּיין, צוליב דער פאַרלוירנער „ציוניסטישער קרוין". . . .

יוסף פרענקל, וועלכער האָט זיך שוין קונה־שם געווען מיט עטלעכע זייער וויכטיקע ביכער אויפן געביט פון פאָרשן די ציוניסטישע געשיכטע, האָט מיט זיין נייעסטן בוך געגעבן אַ ווייטערדיקן קוואַר־שניט, נישט בלויז וועגן ציוניזם בכלל, נאָר אויך וועגן די פערזענלעכקייטן, וואָס האָבן מיטגעווירקט אין דער ציוניסטישער געשיכטע, און „מתיתיהו אחר" איז געווען איינער פון די ציוניסטישע אַרכיטעקטן, נאָך פאַר דער הערצליאַנישער תקופה.

## מ. מינדל

# אַרבעטער־רינג

(50־יאָריקער יובילעאום—1909־1959)

מיט פופציק יאָר צוריק, ווען די דחקות און הילפלאָזיקייט פון די מאַסן אימיגרנאַטן איז געווען זער גרויס, האָט מען געזעען ווי דעם איינציקן אויסוועג זיך צו ווענדן צו צדקה־געזעלשאַפטן. פאַר די פראָגרעסיווע אַרבעטער, וועלכע זענען אַהערגעקומען פון רוסלאַנד, ליטע, פּוילן, איז עס געווען אַ דערנידעריקונג צו גיין בעטן צדקה. אַזוי זשע איז רייף געוואָרן דער געדאַנק צו גרינדן אַן אייגענעם פאַריין, כדי נישט צו דאַרפן אָנצוקומען צו די בירגערלעכע סאָסייעטיס מיט זייערע אייגנאַרטיקע צערעמאָניעס. שפּעטער האָט מען באַשלאָסן צו אימיטירן דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־רינג, וועלכער האָט שוין עקזיסטירט זינט דעם יאָר 1894 און וואָס זיינע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן זענען געווען: (1) קעגנזייטיקע הילף, (2) בילדונג און אויפקלערונג, (3) די גרינדונג פון אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון.

צוליב דער מלחמה האָט אונזער טעטיקייט זיך אָפּגעשטעלט. אַזוי איז עס לגמרי זער ווייניק אויפגעטון געוואָרן. נאָר באַלד נאָך דער מלחמה האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען נייע מיטגלידער און אונזער לאָקאַל אויף 136 בריק־ליין איז שוין געווען צו ענג פאַר אונזערע באַדערפענישן. מען האָט דעריבער אָנגעהויבן פּלאַנעווען צו קויפן אַן אייגן הויז.

אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס דער בראַנטש איינס האָט אָרגאַניזירט אין פילדגייט סטריט, האָט מען אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו שאַפן אַ פאָנד פאַר אַ הויז. דאָס געלט האָט געדאַרפט קומען פון די מיטגלידער, וועלכע האָבן געזאָלט צאָלן צוויי פּענעס אַ וואָך פאַר דעם צוועק. ווײַנער איז געוואָרן דער קאָלעקטאָר.

מיט דער צייט האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ סכום געלט, וואָס איז שפּעטער אַריבער צום „בילדינג־פאָנד" פון סערקל־הויז, וועלכעס איז געווען אונזער „טעמפּל" אין אַ משך פון פינף און צוואַנציק יאָר.

היינט־צו־טאָג, ווען מיר געפינען זיך אונטערן „וועלפעיר סטייט" און די נויט איז נישט מער גרויס, בשעת אונזער פינאַנציעלע לאַגע איז בכלל בעסער, דערגרייכט דער „סייווינגס־קלוב" גאָר אַ גרויסן דערפאָלג. אָט דער דאָזיקער „קלוב" ביים בראַנטש איינס, צוזאַמען מיטן פּיעטריקאָווער פאַריין, וואו ליוער איז געווען סעקרעטאַר, האָט פאַרוואַלטעט מיט טויזנטער פונטן יעדעס יאָר. דאָס געלט ווערט אויסגעצאָלט די מיטגלידער פּסח־צייט, קריסטמעס און באַנק־האָלידעיס; און ברענגט אויך אַריין אַ נישקשהדיקע סומע לטובת דעם לאָקאַל־פאָנד פון בראַנטש איינס.

היות מיר קענען נישט רעכענען אויף קיין נייע אימיגראַנטן, מוזן מיר זיך קאָנצענטרירן אויף די קומענדיקע דורות. אין אָט דער ריכטונג מוזן מיר גיין, און מיט מוט און ענטוזיאַזם שטרעבן אויף פּראָגרעס און אויפלעבונג פאַר אונז אַליין און פאַר דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט בכלל!



## אייזיק גאָלדבערג

# אברהם בוימערדער, ע"ה

טיף געריררט בין איך געוואָרן פון דער טרויעריקער ידיעה, וועלכע איך האָב באַקומען פון פריינט ניסענבוים פון אַמעריקע, אַז אברהם בוימערדער איז נישט מער דאָ צווישן די לעבעדיקע.

אין די לאָנדאָנער יידישע קולטור־קרייזן וועלן נאָך פיל געדענקען דעם האַרציקן חבר און פריינט, דעם אויפריכטיקן יידישן קולטור־מענטש. אַליין איז ער געווען אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער מיט אַ וועלטלעכער אַנשויאונג. אין זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך געווידמעט דעם יידישן וואָרט, יידישער קולטור און ליטעראַטור. דאָס יידישע שאַפן איז ביי אים געווען דאָס נאָענטסטע און טייערסטע איבער אַלעם אַנדערן. ס'וועלן נאָך אַסך געדענקען ווי אברהם בוימערדער האָט דאָ אין לאָנדאָן מיט יאָרן צוריק אָפטמאָל פאָרגעלייענט ביי די „ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס".

דאָס לעצטע יאָר פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט ער אין מאַנטשעס־טער אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט אַ גרופּע לאָנדאָנער און מאַנטשעסטער פריינט פאַר יידישע קולטור־טעטיקייט, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם באַקאַנטן קולטורטוער, ל. אַלמאַן; אויך מיין ווייניקייט איז געווען מיטבאַטייליקט.

א. בוימערדער איז געווען פון די פּליטים, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין די ערשטע יאָרן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה אויס בעלגיע און פראַנקרייך. ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט זיין פרוי מיט אַ זון. נאָך דער מלחמה האָט ער זיין זון אויסגעפונען. ליידער איז אָבער זיין פרוי אומגעקומען פון די נאַצי־רוצחים.

ער האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט און איז אַוועקגעפאָרן צו זיינע קרובים אין אַמעריקע. פאָריקעס יאָר איז ער געקומען קיין בעלגיע צו זיין זונס חתונה, און אין איין וועגס איז ער געקומען קיין לאָנדאָן, כדי זיך צו זען מיט זיינע חברים און פריינט, וואו ער איז אויך געווען אַ גאַסט ביי אַ ליטעראַרישן שבת־נאָכמיטאָג.

לכבוד זיין זונס חתונה האָט ער אָנגעשריבן אַ פּאָעמע, פון וועלכער פאָלגענדער פראַגמענט איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זשורנאַל „לשון און לעבן" נומער 10, אין אָקטאָבער 1958.

וי גרויס איז מיין פרייד —
דאך גרעסטער ווייטאק און פיין:
ס'וועלן פעלן דער מאמעס טרערן,
טרערן פון אזויפיל מאמעס —
כ'וועל דיך פירן צו דער חופה אליין.

װען ס׳װעט שפּילן די מוזיק,
און ס׳װעלן פּאָרלעך טאַנצן —
װעט דײַן הײליק געשטאַלט
אויפגעלויכטן פּאָרטרעט
צװישן בלומען־קראַנצן . . .

די לעצטע צײַט איז ער פּלוצים באַפאַלן געװאָרן פון א געפערלעכער קראַנקהײט, װעלכע איז נאָך אומהײלבאַר. ער האָט זיך אָנגעליטן שרעקלעכע יסורים ביז דער גרױזאַמער טױט האָט אים באַפרײַט. ער איז געשטאָרבן װען ער איז געװען אין די בעסטע מיטעלע יאָרן.

זאָלן זײַנע נאָענטע זײַן געטרײסט מיט דעם גוטן נאָמען, װאָס ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט.

כבוד זײַן אָנדענקען!

## לאָנדאָנער קולטור־ידיעות

• • •

אלחנן װאָגלערס באַזוך אין לאָנדאָן, װי אַ גאַסט פון ײדישן װעלט קאָנגרעס און שרײַבער־פאַראײן, איז געװען זײער דער־פרײענדיק, פאַר אַ סך פון אונז, מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקײט קענען צו לערנען דעם פּאָעט, אײנעם פון די באַדײַטנדיקע פאָרשטײער פון „ײנג װילנע". דער אָװנט אײנגעאָרדנט פאַרן חשובן גאַסט פון די צװײ אויבן דערמאָנטע אינסטיטוציעס, אין אדלער האָל, איז געװען פײַערלעך און איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. װאַגלער האָט געהאַלטן אַן אויסגעפורעמטן פאָרטראַג איבער שלום על כמס קינדער־דערצײלונגען, װאָס דער עולם האָט אויפגענומען מיט גרויס הנאה. און ער איז װאַרעם באַגריסט געװאָרן פון י. לעפּטוױטש, יעקב מײטלים שלמה אײערבאַך, י. א. ליסקי, יוסף פרענקל און א. נ. שטענצל. א. מ. קײזער האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

די אַקטיאָרן סטאַרס הײַנטיקן סעזאָן אין גרענד־פּאַלעי טעאַטער, העגרי גערראַ און ראָסיטאַ לאָנדנער, װערן אויפגענומען פונם טעאַטער־עולם מיט גרויס באַגײַסטערונג. אַ דאַנק די צװײ סטאַר־קינסטלער־געסט האָט „די חברים־גרופּע" אונטערגענומען די גע־װאַגטע אויפפירונג פון שלום עליכמס „בלאָנדזשענדיקע שטערן", אונטער דער רעזשי פון האררי אַריעל.


גערראַ


לאָנדנער

## מיטטײלונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

(אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 אַזײגער)

שבת, 21'טן נאָװעמבער — פאָרלעזונגען פון שלום עליכמס האָמערעסקעס.

שבת, דעם 28'טן — סם לעװו: די ענטװיקלונג פון דער ײדישער שפּראַך און איר װיכטיקײט פאַר אונזער פאָלק.

שבת, דעם 4'טן דעצעמבער — פאָרלײענען פון לאָנדאָנער פּראָזע־שרײַבער.

שבת, דעם 11'טן — לײענען פון לאָנדאָנער דיכטונג.

שבת, דעם 18'טן — י. ביעטש װעט לײענען זײַנס אַ נײַע דערצײלונג.



דער ײװו"א, האָט פאַרגאַנגענעם חודש, גע־פ״ערט דאָס שלום־עליכם יאָר אין גרענד־פּאַלעי־טעאַטער מיט אַ פאָרשטעלונג פון שלום עליכמס „בלאָנדזשענדיקע שטערן", װו דר. יעקב מײטלים האָט אין דער פּאויזע גערעדט איבער שלום עליכמס דראַמאַטישע פאָרעם.

• • •

זונטיק, דעם 22'סטן נאָװעמבער, װעט דר. י. מײטלים רײדן אין בן־אורי איבער שלום עליכמס הומאָר בײַ אַן אָװנט אײנגעאָרדנט פון „פרײַנט פון ײדיש לשון".

• • •

דעם 25'סטן דעם חודש, הײבן זיך אָן די סעמינאַר־לעקציעס, מיטן פאָרטראָג פון יעקב רכטקער: די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמי התלמוד.

• • •

הרב המפורסם יהושע שפּעטמאַן, דער רב פון דער נעלסאָן סטריט־שול, געפינט זיך שוין אײניקע װאָכן אין לאָנדאָן־האָספּיטל. מיר װינטשן דער חשובן רב אַ רפואה שלי־מה, זיך באַלד צוקענען צוריקקערן צו זײַן עבודת הקודש.

• • •

י. א. ליסקי, װאָס איז געװען אויף אַ קורצע פלי־נסיעה אין ישראל, כדי בײַצװױנען בײ די װאַלן אין ישראל, האָט בײַ די ײדיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס דערצײלט זײַנע אײַנדריקן.

• • •

בר־כוכבא נאַראָד, פון דער נאַראָד־פּרעס, איז אויף אַ באַזוך אין ישראל.

• • •

דער ײדישער װעלט קאָנגרעס גרײט צו אַ גרויסע אַקאַדימיע לכבוד דעם שלום עליכם יאָר.

• • •

ל. אַלמאַן, איז אויף א נסיעה אין ישראל.

• • •

בײַ אַ שבת נאָכמיטאָג האָט ײדל גאָלדבערג מהנה געװען דעם עולם־הערער מיט זײַן פײַנעם לײענען דערצײלונגען פון אַש און רײַזינען.

• • •

ראָסיטאַ לאָנדנער איז אויפגעטרעטן בײַ די שבת־נאָכמיטאָג מיט ײדישע און העברע־אישע לידער און גאַר שטאַרק אויסגענומען מיט איר האַרציקן זינגען.

מאַדאַם אײזיקאָװיטש, די מענעדזשערין פונם ײדישן טעאַטער איז געװאָרן 80 יאָר מיר װינטשן איר ביז הונדערט און צװאַנציק יאָר שײנע און גוטע יאָרן און קענען אָנגײן מיטן ײדישן טעאַטער.

• • •

מיכאל זילבערבערג געפינט זיך אויף אַ לענגערע נסיעה אין ישראל.

• • •

אויפן קבר פון הערמאַן טוניס האָט די פרוי פון אַקטיאָר פרוי טוניס געשטעלט אַ מצבה. עס האָבן זיך בײַ דער ענטהילונג פון דער מצבה באַטײליקט אַ גרויסע עולם, צװישן זײ אַ סך פון די לאָנדאָנער אַקטיאָרן און שרײַבער.

• • •

בײַ דער ערשטער מלוה־מלכה אין אַדלער־הויז אײנגעאָרדנט פונם מזרחי זײַנען די געסט־רעדנער געװען דײַן שטײנבערג און אבא בראָנשטײן; אין דער קאָמערשל ראָד־שול אײנגעאָרדנט פון בית־ציון רבי צימער־מאַן און רבי האַלדזשטאָק און אין דיען סטר. סינאַגאָגע — ש.ח. לאָנדאָן.

• • •

דער מלוה־מלכה סעזאָן האָט זיך אָנגע־הויבן, און װי אַלע באַטײליקן זיך אין דער פײַערלעכקײט לאָנדאָנער רבנים, רעװו. און חזנים. עס איז זײער דערפרײלעך װאָס לאָנ־דאָן ײדן קומען און מאַסן זיך צובאַטײליקן אין די טראַדיציאָנעלע פאַראַנשטאַלטונגען.

• • •

דער שרײַבער פאַראײן גרײט צו אַן אָװנט לכבוד דעם דערשינענעם בוך פון י. טיגער.

• • •

שמעון האָראָװיטש, דער פאָרזיצער פונם גאַליצישן פאַראײן, געפינט זיך אין שפּיטאָל מיר װינטשן אים אַ רפואה שלימה.

• • •

אויף דער הזכרה צו דער ערשטער יאָר־צײַט אײנגעאָרדנט פון פרײַנט פון ײדיש־לשון האָבן זיך באַטײליקט מיט רײד איבערן שאַפן פונם נפטר, מ. בעקערמאַן, משה דאמב; געלײנט פון קאַגאַנאָװיסקי׳ס װערק האָט געלײנט אײזיק גאָלדבערג. פאָרזיץ א. נ. שטענצל.

• • •

מאַדאַם נאַדלער איז אויף אַ רײזע־באַזוך אין ישראל.

## סעמינאַר פאַר „קולטור און וויסן“ ווינטער 1959/60

ביי „פריינט פון יידיש לשון“, אַדלער־הויז, אדלער סטר. א.1

יעדן מיטוואָך פון 8 ביז 10 אַזייגער

מיטוואָך, דעם 25׳סטן אָקטאָבער :

לעקטאָר : יעקב ריכטיקער

טעמאָ : די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמי התלמוד

מיטוואָך, דעם 2׳טן דעצעמבער

לעקטאָר : רעוו רבי ספעקטאַר

טעמאָ : דער תוך און כוח פונם אוקריינישן ייד פון שנת ת״ח ביזן בעל־שם

מיטוואָך, דעם 9׳טן דעצעמבער

לעקטאָר : יוסף פרענקל

טעמאָ : פון טעאָדאָר הערצל ביז נחום גאָלדמאַן

מיטוואָך, דעם 16׳טן דעצעמבער

לעקטאָר : מאָריס מינדעל

טעמאָ : יידן אין לאָנדאָן די לעצטע 80 יאָר (ערשטע לעקציע פון די 80קער יאָר ביז 1905)

מיטוואָך, דעם 23׳סטן דעצעמבער

לעקטאָר : שלמה אויערבאַך

טעמאָ : דאָס שאַפן אין העברעאיש

מיר בעטן קומען פינקטלעך ! א־ינטריט פריי !

---

## „פריינט פון יידיש לשון“ אין בן־אורי

בן־אורי, 12 פאָרטמען סטר. וו.1

זונטיק, דעם, 22׳סטן נאָוועמבער, 8 אַ זייגער

### שלום־עליכמס הומאר

**רעדנער** :דר. יעקב י. מייטליס

**ליינער** : י. ביעטש, נעט רובין, מנשה ווייסגראַז, **און** אייזיק גאָלדבערג

איינטריט פריי ! פאָרזיץ : א. נ. שטענצל

---



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 339) צוואַנציקסטער יאָרגאַנג דעצעמבער 1959 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט

יידנטום און העלעניזם, דאָס „חנוכה לעמפל“ פון בריטישן מוזעאום, דער שלום־עליכם־מאָנומענט ............ °° 1
נישט אין אַ גוטער שעה (דאָס וויטשעפל־קאַפּיטל פון „די בלאָנזשענדיקע שטערן) ............ שלום עליכם 5
דער שניידער (פאָעמע) ............ ש. זאַלקין 8
אויף חרובע וועג (המשך) ............ משה דאָמב 9
היימישע ענינים ............ ש. י. דאָרפזאָן 12
דער אָסטראָווצער, די אַדלער דינאַסטיע, נחום סאָקאָלאָוו און אחד העם, דר. חיים ווייצמאַן (פאָרטרעטן אין גראַמען) ............ א. נ. שטענצל 14
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (די לעצטע נביאים און די ערשטע חכמים) י. ריכטיגער 19
אַ פרעמירטע דערציילונג ............ מ. אַלמאַן 25
מיין איינדרוק (ליינענדיק דאָס בוך „יידישע־שרייבער אינדערהיים“) רחל מירסקי 27
אפרים קאַגאַנאָווסקי א־נדערהיים (צו זיין ערשטער יאָרצייט) משה בעקערמאַן 28
דער פאָעט (ליד) ............ עלי זילבערג 32
אין שעה׳ן שפעטע (ליד) ............ שמואל ווהייט 32
די מכה פון מאָקולאַטור ............ ש. 32
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ............ 32
יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ............ 32

געדענקט דעם חנוכה־באל
שבת, דעם 2׳טן דעצעמבער

**פרייז 2 שילינג**

אַבאָנאַמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Caveli Sreet, London, E.1*